STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06274

IN DER SHTIL

Isaac Bloom

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק בלום

פארלאג

ניו-יאָרק · 1919

Copyright, 1919
by
ISAAC BLOOM

ווייטיק

מיינע ליעדער זענען שטילע,
שטילע, ווי אַ שטילע תּפלה,
פון אַ האַרץ אין וועה געליוטערט,
פון אַ זעל פון פרייד דערהייטערט.

מיינע ליעדער זענען קליינע,
ווי אַן אָרים קינד אַ שעהנע, —
אויסגעבלייכט פון אָרים זויגען,
אויסגעוויינט פון מאַמע־אויגען.

אין די שטילע שטונדען

שטילער, בענקענדיגער טרויער,
איינזאם שטילע שטונדען;
ליעב איז מיר דער טרויער
אין די שטילע שטונדען.

עלענד קלאפּט דער זייגער,
סעקונדען נאָך סעקונדען;
ס'וואכט אויף אין מיר מיין בענקשאפט
אין די שטילע שטונדען.

ליעבע, שטילע שטונדען,
ווערט ניט שנעל פארשוואונדען:
כ'ליעב אזוי מיין בענקשאפט
אין די שטילע שטונדען.

ווען עס רעגנט

ווען עס רעגנט שווייג איך שטיל.
ס'איז גוט צו שווייגען שטיל אזוי —
ווען עס רעגנט.

ווען עס רעגנט טראַכט איך פיעל.
ס'איז גוט צו זיצען און צו טראַכטען —
ווען עס רעגנט.

ווען עס רעגנט, ליעבע קינד,
ווילט זיך דאַן באַגעהן א זינד —
ווען עס רעגנט.

אוועק איז דער טאָג...

אוועק איז דער היינטיגער טאָג אזוי שטיל,
אָהן לעבען, אָהן עפּעס א נייעם געפיהל ;
פארגליווערט אין הארץ האָט דאָס לעבען די לוסט,
ס'איז אלץ אזוי שטיל, אַזוי פּוסט.

וואָלט איך כאָטש באגעגענט היינט איינע פון זיי.
געליעבטע ! איהר ברעננט מיט זיך לעבען און וועה.
איהר זייט ווי די געטער, ווי טייפלען אין נויט,
איהר ברעננט מיט זיך לעבען און טויט.

אַלע אָוועגט...

אַלע אָוונט, ווען איך גע אַהיים,
גרייט איך צו אַ בינטעל פרישע בלומען,
עפּעס זאָגט דאָס האַרץ מיר אין געהיים,
עמיצער צו מיר וועט היינט דאָך קומען.

כ׳האַלט די בלומען אין מיין האַנט געגרייט,
די, צי יענע, וויל איך גאָר ניט קלערען.
כ׳שענק אַ בלום פאַר יעדע רגע פרייד,
אַלע בלומען פאַר אַ קוש אין שטערען.

מיין צימער

די זעלבע גרין־געפארבטע ווענט,
די זעלבע לענג, די זעלבע ברייט...
אויפ'ן טישעלעביים וואַנט
ליגט אַ צייטונג אויסגעשפרייט...

דאָס זעלבע נידעריגע בעט,
דאָס קליינע קישעלע אויף איהר,
וואָס קוקט אויף מיר מיט שטומען שפּאָט
און עס חוזק'ט אָפּ פון מיר...

דאָס זעלבע טונקעל־בלייכע ליכט,
דער זעלבער שאָטען ציטערט, שרעקט...
אַן אומגעלומפּערט פרויען־בילד
מאַכט בייז מיין הארץ און אויפגערעגט...

דאָס זעלבע קינדערשע געוויין,
וואָס דרינגט אַריין אָפּט דורך דער טיר...
דאָס זעלבע פרעמדע פּנים קוקט
אַזוי פארקרימט און בייז אויף מיר...

אַלע פענסטער זענען ליכטיג,
אַלע פענסטער, פענסטער פיער;
נאָר אין פינפטען, דאָרט איז טונקעל —
אינ׳ם צימערעל ביי מיר...

כ׳הער דאָס שטיפען און דאָס לאַכען,
ס׳מישען שטימען זיך ביינאַנט...
פרעהליך־היימישע געזאַנגען
קלינגען, דרינגען דורך דער וואַנט...

כ׳זיץ אַליין ביי זיך אין צימער,
טרויעריג איך הער זיך איין:
כ׳הער די גלעזער, ווי זיי שלאָגען,
אָנגעפילט מיט שטאַרקען וויין...

איבער מיר די שוואַרצע שאָטענס
שפּרייטען זיך אויף וואַנט און טיר.
אַלע פענסטער זענען ליכטיג,
אַלע פענסטער... פענסטער פיער...

די פרייד פון נאַכט

אין מיין צימער ברענט דאָס ליכט
שפּעט אין נאַכט אַריין.
ס'קומט די פרייד פון נאַכט ניט דאָרט,
וואו עס לויכט אַ שיין.

דרינגט די פרייד פון נאַכט, אַוואו
ליכטיג איז ניט מעהר,
וואו עס וואוינט אַ ליעבע פּאָר
און די בעט — ניט לער...

כ׳בין אומרוהיג ...

כ׳בין אומרוהיג די נאכט,
און שלאָפען קען איך ניט;
שטעה איך אויף און נעהם א בוך,
גריבעל דאָרט און זוך און זוך.

די אויגען פאַלען צו...
זיי בעטען שלאָף און רוה...
ס׳ליגט נאָך אַלץ פאַר מיר דאָס בוך,
כ׳בלעטער מיעד... און זוך און זוך... — — — —

אָוועק איז שוין...

אָוועק איז שוין דער טאָג,
עס איז שוין ווידער נאַכט.
בייטאָג האָסטו געלאַכט,
איצט, האַרץ מיינס, נאָג און נאָג...

איצט לאָז אין שטיל אַ טרער,
איצט גײ פאַר ווײטאָג אויס...
דיין צער איז טיף און גרויס,
דיין עלענד — פיינליך שווער...

נשמה מיינע...

נשמה מיינע, עלענדע און בענקענדע נשמה...
אויף איבער נאַכט אין הימעל געהסטו, ברענג מיר מיט נחמה
פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג, כאָטש איין טאָג ברענג מיר פריידען,
כאָטש איין טאָג זאָל דאָס מיעדע האַרץ ניט ציטערען פון ליידען...
און נאָכדעם מעגסטו זיך אין גאַנצען מיט מיין א י ך צושיידען.

און ווייס, ס׳האָט ניט געליעבט מיין האַרץ, עס וויל דאָך ליעבען ;
עס האָט מיך קיינער פאַר אַ חבר נאָך ניט אויסגעקליבען...
פאַראַנען אפשר אינ׳ם הימעל הערצער, וועלכע בענקען,
וועלכע קענען רוה און גליק איין איינציג טאָג כאָטש שענקען —
נשמה מיינע, זאָלסטו מיך [illegible] [illegible]על דאָרט געדענקען.

און ווען דו קערסט צו מאָ[illegible]ס אום און טרעפסט מיך דרימלענדיג,
ניט וועק אַ וויילע... נאָר לאָז מיך טרוימען פון גן־עדן־גליק...
נאָר אויב דו ווייסט די טרוימען מיינע זענען בלויז געוועבען
און ווי דער נעכטען וועט דער היינט קיין שמייכעל מיר ניט געבען,
דאַן קער צוריק און לאָז אין רוה דאָס האַרץ פאַרגעהן אָהן לעבען...

ביים בריעפענקעסטעלע

אָווענט, פריה און שפּעט ביינאַכט,
יעדען מאָל זיך אָפּגעשטעלט
ביי דעם בריעפענקעסטעלע,
זעלטען ווען אמאָל פארפעהלט.

וואָס־זשע זוך איך דאָרטען פאָרט,
וואָס צום קעסטעלע מיך ציהט ?...
וואַרט איך אויף אַ בריעף פון דר׳היים ? —
האָב איך דאָך קיין היים שוין ניט...

וואָס־זשע זוך איך דאָרטען פאָרט,
וואָס צום קעסטעלע מיך ציהט ?...
וואַרט איך אויף אַ ליעבען וואָרט ? —
האָב איך דאָך קיין ליעבסטע ניט...

וואָס־זשע זוך איך דאָרטען פאָרט,
אַזוי נאַריש איינגעשפּאַרט ?... —
ס׳זוכט מיין הארץ ערגעץ אַ טרייסט
און בלייבט שטענדיג אָפּגענאַרט...

דער טאָג איז רעגנדיג און טונקעל...

דער טאָג איז רעגנדיג און טונקעל היינט אזוי.
וואָס־זשע זאָל איך טאָן היינט לייענען א בוך?
וועל איך דען געפינען דאָרטען, וואָס איך זוך?
דער טאָג איז רעגנדיג און טונקעל היינט אזוי.

דער טאָג איז רעגנדיג און טונקעל היינט אזוי.
וויל איך זיך באטרינקען מיט א שטארקען וויין,
און אין א טיעפען שלאָף פארזינקען מיט מיין פיין...
דער טאָג איז רעגנדיג און טונקעל היינט אזוי.

דער טאָג איז רעגנדיג און טונקעל היינט אזוי.
וויל איך לויפען מיט מיין אומעט היינט צו איהר,
לויפען ווילד און ווילדער קלאַפּען אין איהר טיר...
דער טאָג איז רעגנדיג און טונקעל היינט אזוי...

ס׳איז אומעטיג...

ס׳איז אומעטיג אין וואַלד, אין פעלד,
אין זונען־טעג און רעגען קעלט,
איז טויט און פּוסט די גאַנצע וועלט,
ווען „די ליעבע“, ברודער, פעהלט!....

ס׳איז אומעטיג דעם פויגעל׳ס ליעד,
ס׳איז אומעטיג די בלום, וואָס בליהט...
דיין הארץ איז קראַנק, דיין זעל איז מיעד,
ווען דו האָסט, ברודער, קיינעם ניט...

ס׳איז אומעטיג ביי דיר אין הויז,
ווען דורכ׳ן פענסטער בליקסט אַרויס,
מענשען פול... די גאַס איז גרויס...
און זוכסט, און קוקסט אַ מענשען אויס...

אליין

דו האָסט רעכט!
אליין צו זיין איז זעהר ניט גוט;
לאנגווייליג זענען שעה, מינוט,
טעג און נעכט...

כ'גיב עס צו...
אליין צו זיין איז אומעטיג,
עס פעהלט אין לעבען זון און גליק,
ליכט און רוה...

ס'איז שווער דער יאָך...
אליין צו זיין אָהן ליעבע־שיין,
און אין צווייען עלענד זיין —
שווערער נאָך...

אָרדען איין דיין לעבען...

„אָרדען איין דיין לעבען!“
רופט ווער שטיל און בעט;
„אָרדען איין דיין לעבען,
איידער ס׳ווערט צושפעט...

„אָרדען איין דיין לעבען!“
כ׳הער זיך צו און פרעג:
וואָס איז אונזער לעבען?
וואו איז אונזער וועג?

ס׳לעבען האָט קיין ציעלען,
קיין באַשטימטען וועג...
ס׳שלעפּט אונז בלינד אַ ווילען
ביז צום ענד... צום ברעג...

כ׳שפּיעל...

כ׳שפּיעל מיר קאָן נאָך קאָן,
כ׳וועל זיך ניט אָפּשטעלען;
כ׳שפּיעל מיר קאָן נאָך קאָן,
כ׳וועל ניט איבערצעהלען...

כ׳שפּיעל מיר קאָן נאָך קאָן,
געוואונען צי פארלאָרען,
כ׳שפּיעל מיר קאָן נאָך קאָן,
כ׳שטעל אין קאָן די יאָהרען...

כ׳שפּיעל מיר קאָן נאָך קאָן,
ביז איך בלייב פארמאטערט;
כ׳שפּיעל מיר קאָן נאָך קאָן,
ביז כ׳האָב אַלץ גע׳פּטר׳ט...

אַך, עס האָבען מיינע יאָהרען
מיך פארנארט...
שטענדיג, שטענדיג אויף אַן **ע פּ ע ס**
כ׳האָב געווארט.

ס׳איז דער **ע פּ ע ס** ניט געקומען,
קיינמאָל ניט...
איצטער לאָז איך לויפען שנעלער
מיינע טריט...

נאָר מען קען ניט מעהר דעריאָגען,
וואָס פארגעהט.
און צו ווארטען איז שוין איצטער
אויך צושפּעט...

אַ חלום

ס'איז אַ חלום אַ ליעבער געווען,
וואָס קומט ניט צוריק.
ס'האָבען קינדער מיט שניי זיך געשפּיעלט,
געפינען דאָס גליק...

אַ בלאַסק האָט געגעבען די זון.
געדויערט האָט ניט לאַנג
דאָס ריינע, דאָס קינדערשע גליק...
און ס'טוט אַזוי באַנג...

מיין בילד

מיין בילד:
איך קוק אויף זיך און וואונדער זיך
און איך דערקען אליין ניט מיך...
גענומען ערשט, זי איז נאָך ניי,
און דאָך, ווי פאַלש און ניט געטריי...
העי, פאָטאָגראַפער, זעה אָט דאָ!
מיט קנייטשען פול... די האָר שוין גראָה...
אַזוי בין איך שוין טאַקע, וואָס?
צו קענסטו ניט פאַרריכטען דאָס?
און אפשר... איז די שולד גאָר מיין? — — —
זאָל שוין זיין!...

און טיעפער, אַלץ טיעפער...

און טיעפער, אַלץ טיעפער פאַרציהט זיך דער קנופּ,
און טונקעלער, טונקעלער וויקלען זיך איין
די פעדים פון לעבען אַזוי ווי אין קנויל —
עס ווערען פאַרשלונגען מיין איך און מיין זיין.

און ס'פּלאָנטערען זיך שטיקלעך און ברעקלעך אָהן צאָל,
עס הענגען די פעדים אַרום און אַראָפּ...
פאַרקניפּ איך איין ברעג מיט'ן צווייטען אַמאָל,
רייסען זיך אַנדערע פעדים באַלד אָפּ...

און ס'בלוטען די פינגער פון וועה און פון פּיין,
פון גריבלען און זוכען צום פּלאָנטער דעם וועג.
צעריסען איז באַלד שוין מיין איך און מיין זיין,
און כ'קען ניט געפינען קיין אָנפאַנג, קיין ברעג...

וואָס דאַרף איך קלערען...

וואָס דאַרף איך קלערען פון אַ ציעל?
זאָל זיין, זאָל זיין, יאַ, וואָס עס וויל,
די וועלט איז סיי ווי סיי אַ שפּיעל...

וואָס דאַרף איך קלערען, וואָס ס'איז שלעכט.
צי טו איך אומרעכט, אָדער רעכט?
די וועלט איז סיי ווי סיי דאָך שלעכט...

איך בין אַן אומבאַהאָלפען קינד,
וואָס בויגט זיך איין פון קלענסטען ווינט...
די וועלט איז סיי ווי סיי מיט זינד...

איך נעהם פון לעבען...

איך נעהם פון לעבען, וואָס איך קען:
דעם קוש, דעם בים, דעם רים, דעם ברייי,
וואָס האָט אין זיך נאָר לעבענס-קראַפט,
וואָס נאָר אַ רגע פרייד פאַרשאַפט...

און גיט דאָס לעבען ניט צופיעל,
ווער רעכענט דען? ווער זוכט אַ ציעל? —
דערווייל איז ליעב מיר דער מאָמענט,
דער חשבון קומען וועט צום ענד...

ניין, ניט שולדיג...

ניין, ניט שולדיג איז מיין אויג,
ווייל עס ליעבט אלץ, וואָס עס זעהט,
ווײנט עס שטומערהייט און בעט —
ניין, ניט שולדיג איז מיין אויג.

ניין, ניט שולדיג איז מיין הארץ,
וואָס עס בענקט און וויל אלץ מעהר,
שטענדיג בלייבט עס וויסט און לער —
ניין, ניט שולדיג איז מיין הארץ.

ס׳איז שולדיג געוועזען

ס׳איז שולדיג געוועזען דער הערבסט און דער רעגען,
דאָס ברומען און פייפען פון שטורמענדען ווינט...
וואָס האָט מיך געדעגט און געוועקט און געצוויגען
דעם שמערץ צו דערטרינקען אין וויין און אין זינד...

ס׳איז שולדיג געוועזען דער הימעל דער שווארצער,
וואָס האָט אין מיין הארצען אַן אומעט געוועקט...
און איך האָב מיט וויין און מיט לילית׳עס טעכטער
די זון־ריינע טעג פון מיין יוגענד באַפלעקט...

ס׳איז שולדיג געוועזען דער בריעף פול מיט טרויער,
וואָס האָט מיר אַ בשורה אַ שלעכטע געבראַכט...
ס׳איז שולדיג געוועזען מיין אייגענער לעבען,
ס׳איז שולדיג געוועזען די פינסטערע נאַכט...

כ'קום צו אייך...

כ'קום צו אייך, ווען איך בין וואַכעדיג,
ווען פאַרשווינדען איז פון מיר דער גייסט, וואָס שאַפט...
און ס'האָט די חלום־וועלט ניט מעהר קיין האַפט...
און ניט באַרוהיגט בלייב איך פון מיין חלום־גליק.

כ'קום צו אייך און פלוידער נאַריש. דום,
הערט איהר זיך צו צו מיר, צו מיינע דומע רייד...
און לאַכט און קוועלט גאָר אָן... די הויז ווערט פול מיט פרייד,
און וואַרים כאַפּט איהר מיך פון שמחה אַזש אַרום.

טרעפט איהר מיך אין הייליגען מאָמענט,
ווען פאַרוועבט האָט מיך דעם הימעל'ס שעהן געוועב,
און אין די הויכע ספערען, דאַכט זיך מיר, איך שוועב,
און האַלט מיין בליק צום בלויען הויך געווענדט...

מיידט איהר מיך דאַמאָלסט אויס... ווייל ניט פאַרשטעהן קענט איהר
דעם חלום פון אַ דיכטער־קינד, וואָס שווייגט און דיכט...
און שוועבט אַרום אין הימעל'ס בלויען ליכט...
און פרעמד און ווייט זייט איהר דאַמאָלסט פון מיר...

כ׳בין מיעד אזוי...

כ׳בין מיעד אזוי...
פון דעם וואַכענדיגען קלאַנג,
וואָס כ׳הער שטענדיג אַרום מיר,
פון דעם טומעל און דעם דראַנג,
וואָס פאַרצאַמען הויז און טיר.

כ׳בין מיעד אזוי...
פון די ווערטער, וואָס איהר רעדט,
סיי אין ערנסט, סיי אין שפּאַס,
סיי איהר לאַכט, און וויינט, און בעט,
צי מיט ליעבע, צי מיט האַס...

כ׳בין מיעד אזוי...

עפּעס ווילט זיך מיר...

עפּעס ווילט זיך מיר אַ תּפלה שיקען,
ווייס איך אָבער ניט, וואו זיך צו נויגען...
ס'איז דער מזרח לאַנג פון וואַנט פארשוווינדען,
רוהט ניט מעהר די שכינה פאַר די אויגען...

בלייב איך זיצען שטום, אַזוי פארטרויערט,
וויינט דאָס הארץ אויף דעם, וואָס איז אנטרונען...
כ'האָב די אַלטע געטער וואו פארלאָרען,
און קיין נייע אַלץ נאָך ניט געפונען...

איך וועל שווייגען...

איך וועל שטומען... שטומען מיט מיין וועה...
איך וועל שווייגען... שווייגען פיינליך שטיל.
ס׳הארץ וועט פול מיט ליידען זיין אזוי,
קרענקליך נאָגען וועט א שווער געפיהל.

נאָר פון צייט צו צייט א דומפּער זיפץ
וועט ארויסרייסען זיך פון דער טיעף...
ווי עס קרעכצט א מאסט־בוים, ווען ער ברעכט,
זינקענדיג צוזאמען מיט דער שיף...

ווער קען זיי געפינען...

עם האָט ווי אַ טונקעלע כמאַרע מיין לעבען פאַרטונקעלט די צייט.
עס בלאָנדזשעט אַרום וואו מיין חלום, אַזוי ווי אַ וואָלקען ווייט־ווייט
און זוכט אַלץ אַרום יענע ערטער, וואו ס'האָט איהם דאָס מזל געבאָרען.
ווער קען זיי, ווער קען זיי געפינען ! זיי זענען איצט אַלע
פאַרלאָרען...
זיי זענען פאַרלאָרען, אַזוי ווי מיין קינדהייט און עבר פאַרגאַנגען.
זיי זענען פאַרגאַנגען, אַזוי ווי די עכאָס פון נאַכט־שטילע קלאַנגען...

געפינט ווען מיין חלום דאָס אָרט פון געבורט, איז עס ווייט איבער
ים'ען,
פליסען דאָרט טרערען פון אויגען, אַן אַלטער, געבויגענער מאַמען...
הערען זיך זיפצען פאַרשטיקטע פון טאַטען, אַן אַלטען, אַ מיעדען,
און ס'קערט זיך מיין חלום צוריק אום אַזוי ניט צופרידען... — —

ווען איך וואָלט פון גליק געטרוימט...

ווען איך וואָלט פון גליק געטרוימט,
וואָלט דער אומגליק ניט געקומען?
קומען פּלוצלינג דען ניט ווינטען,
רייסען אוים די שעהנסטע בלומען?

ווען איך וואָלט פון טויט געטרוימט,
קען איך דאַמאָלסט דען ניט לעבען?
קען דען ניט אַ יונגע שעהנהייט
מיך אין ליעבע־נעץ פאַרוועבען?...

ווען איך וואָלט מיין הארץ אין שטיין
אומגעוואנדעלט אין אַ הארטען,
וואָלט דען ניט דאָס הארץ צונעהן
פון אַ האָפען און אַ ווארטען?...

ס'איז ניט ווי מען וויל...

ס'איז ניט ווי מען וויל, ס'איז ניט ווי מען קען;
די צייט זי געוועלטיגט דאָס לעבען.
וועל איך זיך אזוי ווי א שיפעל אָהן רודער
אין שטראָם פון דער צייט איבערגעבען.

דאַן וועט זיך דאָס שיפעל פון זיך אליין לויפען,
די כוואַליעס זיי זאָלען עס טראָגען...
פון בייזע און שטורמישע ווינטען געטריבען, —
מיך אַרט ניט, וואו ס'וועט מיך פאַריאָגען...

און ווער איך באפרייט...

און ווער איך באפרייט פונ׳ם טומעל אמאל,
פון „שכרות״, וואס האט מיך פאר׳שכור׳ט די צייט...
פון שטאדט און פון מענשען כ׳אנטלויף ערגעץ ווייט...
דאן הויב איך אן הערען מיין אייגענעם קול...

דאן הער איך מיין אייגענע שטים, ווי זי וועקט...
ווי זי וויינט און זי יאמערט אין שטילקייט פאר זיך...
„וואס האסטו פארגעסען דיין אייגענעם איך?
עס ווארענט די שטימע און בעט און זי שרעקט...

„וואס האסטו פארגעסען דעם ציעל פון דיין זיין,
דיין וועלט און דיין צוקונפט, וואס שאפסט ניט קיין וועג?
און ס׳געהען פארלארען די יאהרען, די טעג,
דיין יוגענד איז באלד שוין אין עלטער אריין...

און יאגסט זיך נאך זאכען, וואס זענען אהן ווערט...
דו כאפסט נאר די ברעקלעך, וואס פאלען אראפ...
און זעה, ווי עס גראהען די האר שוין אין קאפ!
באלד ווערסטו פארשלונגען אין מויל פון דער ערד...

און דו... אה, דו זינגסט נאך דיין אלט־יוגענד ליעד...
און זעהסט ניט די צייט, ווי זי חוזק׳ט און שפאט...
און בלאנקעסט ארום אהן א היים, אהן א גאט...
און חלום׳סט חלומות... און קראנק ביזטו, מיעד״...

לויף, לויף מיט דיין אומרות...

לויף, לויף מיט דיין אומרוה, לויף, לויף מיט דיין פיין,
דו זאָלסט ניט חלילה פארשפעטיגען דאָרט...
וואוהין ווייס אליין ניט... באדארפסט עס ניט קלערען,
קום נאָר וואָס גיכער אהין צו דעם אָרט.

„אהין צו דעם אָרט", און אוואו איז דאָס אָרט דען?
וואו וועסטו געפינען א פרעהליכע שעה?
צי האָט ווען דיין טראָט דיך אהין שוין פארטראָגען,
וואו ליעבע און לעבען און גליק זענען דאָ?...

דאָך לויף און ניט קלער און ניט פרעג איצט קיין פראגען,
און זיצטו אין שטוב, איז נאָך שווערער די לאסט...
און לאך דיין געפיהל אויס, דיין שעהנע נשמה,
וואָס בעט דיך צו געהן נאָר אהין, וואו עס פאסט...

„אהין וואו עס פאסט", און אוואו וועט דען פאסען?
אלץ איז אזוי פרעמד, אזוי עלענד און ווייט...
און האָט דיך דאָס לעבען קיין רוה ניט געשאָנקען,
טאָ געה וואו עס שטויסט דיך די זינדיגע צייט...

נשמה

איך האָב אַ נשמה, מיין קינד,
מיט טרוימען און ליעבע באַשענקט,
מיט שעהנעם און ערליכען טרוים,
נאָר איינזאם איז זי און פאַרבענקט...

זי האָט ניט קיין חבר, קיין פריינד,
אַליין איז זי שטענדיג, אַליין...
איהר ליעבט נאָר דאָס אייגענע הארץ,
איהר צערטעלט דאָס שטילע געוויין...

כ׳וואָרט אויף דער עלטער...

איך וואָרט אויף דער עלטער... די עלטער זאָל קומען,
די יוגענד, איך וויל זי פאַרגעסען;
מיר האָבען די טרוימען, די גליקען פון יוגענד,
דאָס ליעבען און האָפען דערעסען...

די ליעבע, זי האָט מיר א שמייכעל געשאָנקען,
א שוים האָט געטאָן אין מיין בעכער...
א מלאך אויף זיידענע פליגעל דערהויבען
אין בלויקייט געטראָגען מיך העכער...

און שעהנער געוואָרען נאָך זענען די טרוימען,
און שטאַרקער דער גלויבען, דער ווילען...
א צייט איז פאַרביי... און פאַרביי איז א חלום,
א חלום פון יוגענד־געפיהלען...

און ווידער א חלום א נייער עס וועבט זיך,
עס וועבט זיך... און האַלט מיך געפאַנגען...
א חלום נאָך חלום... חלומות, חלומות...
א יאָהר נאָך א יאָהר איז פאַרגאַנגען...

איך וואָרט אויף דער עלטער, די עלטער זאָל קומען,
מיר האָבען די טרוימען דערעסען...
די גאָלדענע טרוימען... די גליקען פון יוגענד,
איך וויל זיי פאַרגעסען, פאַרגעסען...

שניי...
דו ביזט אַמאָל מיין פרייד מיין ליכטיגסטע געווען !...
אין ווינטער־נעכט אין הימעל־קלאָרע וואונדער־שעהן,
האָט זיך דיין העלער זילבער־גלאַנץ פון ווייט און ברייט פאַרשפּרייט:
דו ביזט געווען מיין יוגענד־גליק... מיין קינדהייט׳ס שטאַרקסטע פרייד...
עס האָט דיין ווייסע בילד באַצויבערט מיך און ווילד געמאַכט...
אין יענע נעכט... האָב איך געשפּרונגען, ווילד געלאַכט...
געוואָרפען זיך אין דיינע אָרעמס פול מיט יוגענד־לוסט, —
און יונג און שטאַרק געפּרעסט זיך צו דיין ווייכער, ווייסער ברוסט...

שניי...
דו ביזט פאַרפיהרעריש און פראָסטיג־קאַלט געווען !...
אַ שטראַהל... און שווינדסט... מיין טרוים הויבט אָן פאַרגעהן...
דיין ווייסע צאַרטקייט שווינדט... דיין שעהנקייט נעהמט אַן ענד...
און איך ? איך שטעה מיט אויסגעשטרעקטע הענט
און זוך און זוך... און דו ביזט מעהר ניטאָ, ניטאָ !...
איך זעה, עס פליהט אריבער מיר אַ שווארצע קראָה...
פליהט... איך הער פון הויך, ווי זי לאַכט און לאַכט :
„פאַרגאַנגען איז דיין חלום, קינד פון חלום־נאַכט !...“

שניי...
און איצטער ביזטו ווייטער דאָ מיט פרישען רייץ און חן
און בלענדסט... און ציהסט צו זיך, „קום, קינד, אהער צו געהן !“
„קינד...“ אָ, ניין, איך בין ניט מעהר אצינד קיין חלום־קינד !
און קענסט ניט מעהר מיך נארען מיט א חלום, וואָס פארשווינדט...
אלט בין איך און גראָה... כ׳צוטרעט דיך אונטער מיינע טריט !...
אין הארצען מיינעם קאָכט עס און עס זידט...
נקמה העלישע עס פלאקערט דאָרטען טיעף און ברענט...
איך צושטויב דיך אונטער מיינע פראָסטיג־קאלטע הענט,
און פארשליידער דיך צום ווילדען שפיעל פון ווינט...
אָ ניין, איך בין ניט מעהר קיין חלום־קינד...

שוין שפעט...

שויז שפעט... כ'האב פארזאמט.
יא, שטענדיג עס געשעהט:
איך קום צו שפעט...
איך האב פארזאמט...
דאך איין מאל וועט געשעהן,
אז איך מיט אייך
וועל קומען גלייך
צוריק נים געהן...

דער אָסיען...

מיך האָט דער אָסיען איינגעהילט
אין אַ מאַנטעל איצט פון טרויער....
אין דרויסען בלאָזען אָסיען־ווינטען
און עס שרעקט אַ טאָג אַ גרויער...

שווערע וואָלקענס ציהען, ציהען,
און זיי ברענגען שוואַרצע בשורות...
פון ערגעץ לענדער, וואו עס וויזען
פעלקער בלוטיגע גבורות...

און די טראָפּענס רעגנען פאַלען,
זיי טרויערען מיט צער מיט שטומען...
אַלע הימלען איצט באַוויינען
די צעפליקטע יונגע בלומען...

מיינע טרוימען

עס האָט דער הערבסט מיר מיינע טרוימען צוריק געבראַכט,
מיט די ווינטען קומען זיי אין שטורם־נאַכט...
קלאַפּען אָן אין מיינע פענסטער און אין טיר,
זיי וועקען מיר...

„שטעה אויף! שטעה אויף! דו אָרים, עלענד קינד!“
מיר דאַכט, איך הער אין ברומען פונ׳ם ווינט...
„מיר ברענגען דיר אַ גרוס פון ווייט, גאָר ווייט,
פון יענער זייט...

„איבער ים׳ען ווייטע פון דיין שטאָדט,
וואו געלאָזט האָסטו דיין היים, דיין גאָט...
עס ווייגט און עס בענקט און ס׳שיקט דיר הארציג ווער...
אַ ליעבע טרער...

אָסיענדיגע בלעטער

נעלע, אָסיענדיגע בלעטער,
אייער פריהער, אייער שפּעטער,
אייער בליהען, אייער דאַרבען,
אייער לעבען, אייער שטאַרבען
איז אָפּהענגיג כאָטש אָן וועטער...

מיינע טעג און מיינע יאָהרען
ווערען ביים געבורט פאַרלאָרען,
אָהן א פריהער, אָהן אַ שפּעטער,
וועלקען מיינע לעבענס־בלעטער...
שטאַרבען ביים געבאָרען...

און באַלד...

און באלד וועלען האָר־גראָהע זילבערנע פעדים זיך קרייזלען,
צעוואָרפען אריבער מיין נאקען, אריבער מיין שטערען.
עס וועט מיך די עלטער באגריסען מיט בלייך־קאלטע פינגער,
זי וועט מיך באגריסען, אן אלטען פאר׳חלום׳טען זינגער.

און אלט וועל איך זיין און צעשראָקען, מיין יונגע נשמה
וועט בלאָנדזשען און זוכען מיין לאנג שוין געשטאָרבענע יונענד,
אזוי ווי א ים־פויגעל בלאָנדזשעט, ווען פלוצלינג פארפאלען
געוואָרען די שיף איז, וואָס זי האָט באַגלייט אויף די וואלען...



אויף די ווינטיגע וועגען

מיך רייצען די ווינטיגע וועגען,
און קומסטו מיר ווען אַן אנטקעגען,
איך שטעל זיך ניט אָפּ,
כ׳גיב שטום אַ שאָקעל דעם קאָפּ,
לאָז ווייטער זיך געהן —
אויף די ווינטיגע וועגען...

קען זיין איך וועל ערגעץ וואו ווייט,
אַ פרעמדער צו גאָט און צו לייט,
פאַרלירען דעם וועג...
כ׳זוך ניט קיין רוה און קיין ברעג,
מיך ציהען די ווינטיגע וועגען,
מיך רייצען די ווינטיגע וועגען...

און דו, קינד, דו שטילע, בלייב דאָ,
און טרוים זיך פון שטילקייט און רוה!...
און האָף זיך אין רוהיגען שטערבען,
און ליעב זיך אין רוהיגען לעבען,
איך שיק דיר אַ גרוס —
פון די ווינטיגע וועגען...

כ׳וועל פארלאזען די שטאדט
מיט הארץ־וועה באטריבט;
נים בענקען נאך קיינעם,
כ׳האב קיינעם געליעבט.

כ׳וועל וואנדערען ווייט,
ווייט ווייט אהן א ברעג...
נים בליקען אוואו
ס׳פארלירט זיך דער וועג...

דער וועג איז אן אלטער,
דער וועג איז אהן גליק...
אויף וועגען אויף נייע
וועט בלאנדזשען מיין בליק...

און זוכען א לעבען,
וואס איז נים באקאנט...
צווישען פרעמדע מענשען,
אין ווייט־ווייטען לאנד.

און וועט ווען דערגרייכען
פון וועמען א קלאנג,
צו מיר פון באקאנטע,
פון ווייט ערגעץ... לאנג...

וועל איך א וויילע הערען —
א שמייכעל טאן קוים...
פארזונקען דאן גלייך אין
פארגעסענהייט'ס רוים.

און איך געה אליין...

און אויב דו האָסט, קינד, נאָך קיין רוה אויף דער וועלט ניט געהאַט,
נאָר שטענדיג נעוואַנדערט, אזוי ווי א ווינט, נע ונד...
און האָסט ניט באַגעגענט אין לעבען קיין ביסעלע גליק,
קיין פריינדליכען שמייכעל... קיין ווארימען ליעבליכען בליק...

טאָ קום־זשע מיט מיר איך האָב אזא חבר באַגערט,
אויך מיר האַט דאָס לעבען אַ מזל א שווערען באַשערט...
זענען מירביידע חברים פון עלענד און נויט...
בלאָנדזשען מיר ביידע און שטאַרבען א היימלאָזען טויט...

נאָר אויב עס האַט ווען דיר דער הימעל א זון־שטראַהל געשענקט...
און נארסט נאָך א צווייטען... און ווארטסט מיט א בליק טיעף פארבענקט,
דאַן בלייב, קינד, דאָ שטעהן אַזוי לאַנג, ווי דו קענסט נאָר און ווארט!...
און איך געה אליין... ווייל איך קען מעהר ניט בלייבען גענאַרט...

שווייג שטיל, מיין הארץ...

שווייג שטיל, מיין הארץ!...
עס ווערט שוין שפעט... די שטונדע פליהט,
עס ווארט דער צוג... עס שלייכען טריט
צום נייעם וועג — פון אלטען מיעד...

און ערגעץ לויפט און שווינדט דער צוג...
איך זיץ מיט א פארבענקטען בליק,
און זוך די רוה, און זוך דאס גליק...
שווייג שטיל, מיין הארץ!...

נאָך אַ שעה...

נאָך אַ שעה... נאָך אַ שעה...
און איך בין מעהר ניטאָ, ניטאָ!..
וואוהין? וואוהין? אוואו?
וועל איך געפינען רוה?
נאָך אַ שעה...
נאָך אַ שעה...

דער צוג דער צוג ער שטעהט שוין גרייט,
די אייזען־פליגלען אויסגעשפרייט...
דער אויוועז ברענט... דאָס פייער גליהט...
דער קעסעל קאָכט... דאָס וואַסער זידט... — — — —
נאָך אַ שעה...
נאָך אַ שעה...

אפגענארט

און ווידער געבליבען בין איך אפגענארט,
נו, זיץ איך שוין ווידער אוןווארט, און איך ווארט,
דער צוג זאל שוין קומען און ווייטער מיך טראגען,
און ווייטער מיך טראגען דאס גליק צו דעריאגען.

דאס גליק... אה, ווער וויים ? צי איך וועל ווען דערגרייכען?
דער צוג האט פארזאמט זיך... א ביטערער צייכען...
דער צוג האט פארזאמט זיך... וואס האט ער צו איילען ?
איך וועל ניט אנטלויפען פון אומגליק פאר מיילען !...

דער וועג איז א ווייטער

דער וועג איז א ווייטער, א פרעמדער געוועז,
דער צוג איז מיט שנעלקייט געפלויגען.
און פעלדער און וועלדער און בערגער און טאָלען
עס בליצען פארביי פאר די אויגען.

אַט זעה איך א דערפעל זיך ציהען פון ווייט,
א הייזעל, א מיידעלע שטעהן ;
א בליק... און עס קריצט זיך א בילד איין אין מח,
א קינד אזוי ערליך און שעהן.

עס הויבט מיך אָן ציהען אהין דאָרט צו איהר,
צום שטילען, צום דאָרפישען קינד,
א בענקשאפט נעהמט נאָגען נאָגען דאָס הארץ,
דער צוג דאָך ער שווינד אַלץ און שווינד...

דער צוג דאָך ער שווינד אַלץ און טראָגט זיך ווייט ווייט...
די זון זי איז באַלד שוין פארגאנגען...
עס ראנגלען זיך שטראהלען אויף שפיצען פון בערג,
ווי עמיצער האלט זיי געפאנגען...

און ס׳בליקען אראָפּ פונ׳ם הימעל פארקלעמט
וואָלקענדלעך בלייכע און שטומע...
ווי ס׳וואָלט זיי דערשראָקען די אָנקונפט פון נאכט
און זוכען וואו ערגעץ א תקומה...

און ס׳רוקט זיך אלץ נעהענטער און נעהנטער די נאכט
מיט אויגען מיט שווארצע אנטקעגען...
און ס׳רייסט זיך דער צוג אלץ און שנייד דורך די לופט
דורך חושך־פארהילענדע וועגען...

דער צוג האָט זיך געשטעלט...

דער צוג האָט זיך געשטעלט... וואו זאָל איך געהן אצינד, אוואו ?
כ'בין מיעד און קראַנק... אוואו געפין איך איצט אביסעל רוה ?
אין מח רוישט די רעדער'ס קלאַפּען אין דעם ווייטען וועג,
אָט איז די שטאָדט... פרעמד זענען מיר די גאַסען, יעדער שטעג...

און אָרים בין איך... גאָט, פאַרלאָז מיך ניט אין נויט אצינד!
אין ווייטען פרעמדען לאַנד אַן אָרים עלענד וואַנדער־קינד,
ער בלאָנדזשעט אום אצינד, אַ ווייז אַ וועג, וואו געהט מען פאָרט?
וואָס זעה איך ? אידען פיעלע מענער, פרויען געהען דאָרט!

מען פיהרט אַ שווארצען אָרון... ס'איז אַן אומגליק דאָרט געשעהן
זאָל איך אפשר מיט די עדה אידען אויך מיטגעהן ?
דעלפען וויינען דאָרט אַ מאַמען, וואָס באַוויינט איהר קינד,
ווי עס וויינט אין אָסיען־נאַכט אַן עלענדער דער ווינט ?...

און ווייט איז צום בית־עולם, ווייט... און באַרגיג שווער דער וועג...
איך געה און טראַכט פון מיינע אָפּגעלעבטע טעג...
דער אָרון שלעפּט זיך שווער... אבלים זיפצען שטיל און באַנג...
און נאָהנט אַ פרעמדעס אבל־קינד עס שלעפּט זיך מיעד און קראַנק.

— — — — — — — — — — —

און אַט איז דער בית־עולם שוין... מצבות בליקען שטום...
עס שוועבט אין לופט א טויטע רוה... עס שוועבט דער טויט ארום...
און בליקט מיט אויגען פול מיט נאַכט אַט ווי דער אָרון שווארץ...
און דריקט צונויף א יעדע ברוסט.... פארגליווערט יעדע הארץ...

א שטיל געוויין... א רידעל־קלאפּ... א בארג מיט ערד אראָפּ —
עס געהט צוריק א יעדערער געבויגען טיעף דעם קאָפּ...
צוריק אהיים... איך געה שטום נאָך... אָ, גאָט, צו ועמען, וואו?
עס וויינט דאָס הארץ... און בעט און בענקט נאָך אייביג שטילער
רוה...

דו וואַנדערסט ווייט...

דו וואַנדערסט ווייט, דו וואַנדערסט פיל
און קומסט ניט קיינמאָל צו קיין ציל...
דו וואַנדערסט טאָג, דו וואַנדערסט נאַכט,
און ווערסט פון מזל אויסגעלאַכט...

און ס'ציהט דער וועג זיך ברייט און ווייט,
און ס'לויפט און ס'שווינד די שעהנע צייט,
און אימער שטעהסטו אויפ'ן וועג,
און פרעגסט: צי איז נאָך ווייט צום ברעג?...

אַוואו איך זאָל קומען...

אוואו איך זאָל ניט קומען...
קען איך לאַנג ניט בלייבען,
עס הערט ניט אויף דאָס מזל
פון אָרט צו אָרט מיך טרייבען.

אין שטאָדט צווישען מענשען,
איך ווער דערשטיקט פון ענגשאַפט...
אין פעלד צווישען בלומען —
ס'הארץ פארגעהט פון בענקשאַפט.

וואָס מאַכסטו, פריינד?...

וואָס מאַכסטו, פריינד?
כ'האָב דיך ניט דערקענט...
ווי בלייך דו ביזט,
ווי ס'ציטערען דיינע הענט —
כ'האָב דיך ניט דערקענט...

וואו געהסטו, פריינד?
צי זוכסטו וועמען וואו?
קום, פריינד, מיט מיר
צוזאַמען זוכען רוה...
וואו געהסטו, פריינד?

די שטאָדט

די שטאָדט איז שעהן,
די שטאָדט איז ניי,
די שטאָדט איז ברייט,
די שטאָדט איז פריי.

די שטאָדט איז גרויס,
איך בלאָנדזשע אום,
נאָך איין, נאָך אוים
פארבענקט און שטום.

און ווייט בין איך,
און פרעמד בין איך,
איך בין אליין,
אליין — מיט זיך...

מיין גרוס

ווען מיין גרוס וועט דיך דערגרייכען,
וועל איך זיין שוין ווייט פון דאנען;
כ'וועל מיך וויגען אויף די וועלען,
איבער ווייטע טיעפע ים'ען...

כ'וועל ניט מעהר דיך קענען זעהען,
און דיין זיסע שטימע הערען —
הימעל, וואסער וועל איך זעהען,
ווינטען יאָגען, כוואַליעס קערען...

און צום ווינט וועל איך זיך ווענדען,
שטאַרקער שנעלער זאָל ער יאָגען.
אין מיין גרוס צו דיר מיטנעהמען,
און מיין זיפץ צו דיר פאַרטראָגען...

די מאמע

.1

שטילער, ליעבע מאַמע...

שטילער, ליעבע מאמע, און געדולדיג
הער זיך צו צום וויינען פון דיין קינד,
פון דיין קליינעם קינד, עס איז קיין זינד,
ווען ס'וויינט א קינד מיט טרערען ריין אומשולדיג...

אָ, מאמע קרוין, ביזט אויך א קינד געווען,
היינט ביזטו גרויס, א מאמע ליעב און שעהן!
און וואָלסטו, מאמע, דאמאָלסט ניט געוויינט,
וואָלט ניט א מאמע־קרוין דיין קאָפּ באקרוינט...

אַ, מאַמע, זעה ווי שעהן...

אַ, מאַמע, זעה ווי שעהן
דיין קינד זיך לערענט געהן,
טרים ביי טרים.
זינג איהם, מאַמע, זינג
אַ מאַמע־ליעד!

דו קענסט די ליעד, געדענקסט,
איך זעה דו וויינסט... דו בענקסט
נאָך יענע ליעד...
מאַ זינג־זשע, מאַמע, זינג
די מאַמע־ליעד!

3

מאַמע־פינגער

מאַמע־פינגער האָבען קינדער־לאָקען שטיל געגלעט,
און געשווינגען האָבען ביידע לאַנג.
און דאַן — דאָס קינד האָט עפּעס שטיל אַרויסגערעדט,
געקלונגען האָט עס: „מאַמע, זיי געזונד!"
„זיי געזונד" — ביים לעצטען קלאַנג
אָט זיך אין מוטער־האַרץ אַ וואונד
צעבּרענט.

נאַכט.
די לאַדענס זענען צוגעמאַכט,
אַן אימה־נאַכט!
ביים דעם פענסטער שטעהט זי
בלייך פאַרטראַכט...
הערט זי יאָגען ווילד דעם ווינט —
שרעקט איהר מאַמע־האַרץ און ציטערט...
עס דאַכט איהר שלעכטע בשורות
ברענגט ווער פון איהר קינד...

„קינד!"
שטרעקט זי ציטערדיגע הענט
צום ווינט...
„מיין קינד, מיין קינד!"

5

דו מאַמע !...

דו מאַמע ! א רוהיגע, שטילע נשמה,
ביזטו תמיד געוועזען, געלעבט אזוי שטיל.
אין הארצען ביי דיר נאָר האָט עפּעס געוועהטאָגט,
א שטילער, א נאָגענדער מאַמע־געפיהל.

וואָס האָט דורך די נעכט אין דיין שלאָף דיך געמוטשעט
געראויבט דיר דיין רוה... און געבלייכט דיין געזיכט...
דאָך האָט זיך דיין צער און דיין וועהטאָג פארקלערט
אום פרייטאָג פארנאכט, ווען געבענשט האָסטו ליכט.

דאַן האָבען מיט שטילען פארטרויערטען קומער
די ליפּען די בלאַסע פארטרויט א סוד...
די אויגען פארטרערט האָבען שטום וואָס געבעטען...
די הענט אויסגעשטרעקט צום אלמעכטיגען גאָט.

און שבת פארנאכט, ווען עס טונקעלט אין דרויסען...
עס זשומזשעט אין שטוב אויפ׳ן קוימען א פליג,
האָסטו אויף א וואָך, אויף א גאנצער, באַזאָרגט זיך,
ביים גאָט פון די אבות מיט מזל און גליק.

דיין וועהטאָג אין הארץ פון דיין קינד האָט געדרונגען,
און אייביגער אומרוה טוט וועה איהם און באַנג...
א בענקשאַפט נאָך ערגעץ פאַרבאָרגענע וועלטען
זיין קראַנקע נשמה ציהט ווייט איהם שוין לאַנג —

צו וואַנדערען, וואָגלען אין ווייט פרעמדע לענדער
און זוכען די וועגען, וואָס זענען פארלאָרען...
א גלות אָפּריכטער צו זיין זיין גאַנץ לעבען,
און עלענדער קרבן די יונג־בעסטע יאָהרען...

און טרעפט, אז דאָס לעבען ווערט שווער, אומערטרעגליך,
עס ווערען צעשווימען די האָפנונגען פיעלע...
און ס׳טונקט די נשמה אין צער זיך און יאוש,
אָט ווערט זי דערטרונקען אין ליידען אין שטילע...

דאן בלאָנקען ארום זיינע טריט שוואכע, מיעדע,
אויף וועגען אויף פרעמדע... אויף וועגען אויף קרומע...
און האָט ניט צו וועמען זיך קערען און ווענדען —
עס בלאָנדזשען און בלאָנדזשען די בליקען נאָר שטומע...

ביזט קראַנק געוועזן, מאַמע...

ביזט קראַנק געוועזן, מאַמע...
פון ווייט האָב איך געהערט דאָס שווערע אָטעמען פון דיין ברוסט,
דיין קראַנקע ברוסט...
ווי אַ ווידער־קול האָט אָפּגעקלונגען אין מיין האַרץ
דיין קרעכץ, דיין הוסט...
און ווי מיט שאַרפע שפּיזן געשניטען האָט מיין לייב
דיין וועה־געשריי.
און אַט האָט מיר געדאַכט איך זעה...
דיין שעהנעם בלייכען פּנים קנייטשען זיך
פון וועה...
און שטיל... און בלאַס...
בליקען דיינע מידע אויגען האַלב פאַרלאָשען
צו דער גאַס...
וואָס האָסטו, מאַמע, דאַן געזוכט?



אויגען צוויי...

ס'האָבען אויפגעלויכט אין הארץ
אויגען צוויי...
אָנגעצונדען דאָרטען טיעף
א נייעם וועה...

און א טיעפען שניט געמאכט,
א טיעפע וואונד...
העלף מיר, גאָט, איך זאָל ארוים
שטאַרק, געזונד...

דערווייל ליעב איך איהר... מיין וואונד,
און קוש מיין וועה...
ליעב איז מיר דער פלאַם פון איהרע
אויגען צוויי...

כ׳צווייפעל...

כ׳צווייפעל, צי מיין גליק וועט דויערן,
דאָס העכסטע גליק פון מענשענ׳ס „זיין“...
צי וועט אין ווערה, צי וועט אין פיין
ס׳הארץ דערנאָך פארגעהן פון טרויערן...

דערווייל איז פול מיין זעל מיט גליק
און ס׳טאנצט און יובעלט טיעף אין זיך,
און הללויה זינגט מיין „איך“,
דערווייל איז פול דאָס הארץ מיט זיעג...

גאָט פון ליעבע

אָ, גאָט פון ליעבע, גאָט פון פרייד,
האַלט איבער מיר דיין האַנט פאַרשפּרייט,
דיין האַנט, וואָס ברענגט מיר רוה און גליק,
וואָס שטראָפט און בענטשט מיר גלייך צוריק...

און, ווי אַ יונגע פריהלינג־בלום,
וואָס בוינט זיך איין פון קלענסטען ווינט...
אַזוי בוינט אָפט דאָס לעבען מיר,
און מאַכט מיך הילפלאָז, ווי אַ קינד...

כ׳האָב אויפגעוואַכט...

כ׳האָב אויפגעוואַכט פון זיסען חלום׳דיגען שלאָף,
נו, ליג איך מיר אין בעט און צערטעל די געפיהלען.
שעהן דער טאָג, די זון־שטראַהלען גלעטען מיר דאָס פּנים,
ווי איינגערוימט זיי וואָלטען מיר אַ סוד אַ שטילען.

צעשמייכעל איך זיך פון פריה־מאָרגען׳ס ליעבע סודות,
הויבט אין האַרצען אָן צו זינגען זיס אַ ניגון...
שמייכלענדיג פאַרמאַך איך טרוימעריש די אויגען,
ווי אַ קינד, ווען די מאַמע הויבט עס אָן צו וויגען...

לעצטע אָווענט־שטראַהלען

לעצטע אָווענט־שטראַהלען פאַלען,
ס'האָט די זון זיך וואו פאַרקליבען,
ערגעץ אונטער בערגער הויכע
אין דער ווייטקייט וואו פאַרבליבען...

ליעבע זון, האָסט מיטגענומען
נאָך א טאָג פון שעהנעם לעבען
און עס ערגעץ וואו פאַרטראָגען,
שוין ניט מעהר צוריקצוגעבען.

אָט אזוי טאָג טעגליך קומסטו
אונז באַלויכטען און — פאַרשוועבען,
מיט די לעצטע זונען־שטראַהלען
שווינדט א טאָג פון אונזער לעבען...

כ'ליעב דיין יעדען ווארט...

אָה, קינד, איך ליעב דיין יעדען וואָרט,
דאָך איצטער זאָלסטו שוויינען שטיל...
איצט הער איך נאָר די אוינען שפּראַך,
איצט זעה איך נאָר די פאַרבען־שפּיעל...

איצט קלעטערט דער פאַרנאַכט אַראָפּ
און לעגט זיך אוים אויף באַרג און טאָל.
איצט קושען שטיל זיך בלום און גראָז,
ווי מיר אין יענער נאַכט אַמאָל...

אָה, קינד, איך ליעב דיין יעדען וואָרט,
דאָך שוויינען זאָלסטו איצטער שטיל...
לעג שטום אַוועק דיין קאָפּ אויף מיר
און היל זיך איין אין מיין געפיהל...

כ'ליג אין העמאָק...

כ'ליג אין העמאָק... האַלט די אויגען צוגעמאַכט,
איבער מיר די בוימער רוישען שטיל און זאַכט...
שטראַהלען פון דער זון עס גלעטען מיין געזיכט,
ליג איך מיר און באָד זיך אין דעם הימעלס-ליכט...

עס וויגט מיך ווער... כ'ווייס ניט וועמעס האַנט עס איז;
כ'פיהל נאָר, אַז עס איז מיר עפּעס קינדערש-זיס...
כ'נורע איין מיין קאָפּ מיט טיעפען פרייד-געפיהל,
בענש און בענש די האַנט, וואָס וויגט און וויגט מיך שטיל...

וויג מיך...

וויג מיך, וויג מיך נאָך א ווייל,
געה נאָך ניט אוועק, ניט אייל...
כ׳האָב קיין מאמעס שוים ניט מעהר,
קיין מאמעס טרויסט, קיין מאמעס טרער...

וויג מיך, וויג מיך, ליעבעס קינד,
כ׳בין אליין, אליין אצינד...
אין דעם ווייטען, פרעמדען לאנד,
אָהן א מאמע׳ס ליעבע האנט...

דאָס האַרץ

לאָז דאָס האַרץ איצט רוהען,
דאָס האַרץ, וואָס איז שוין מיעד...
ס'מיעדע האַרץ עס שאַפט איצט
א נייע וואונדער־ליעד...

לאָז דאָס האַרץ איצט שווייגען,
שווייגענדיגערהייט
וועבט זיך שטיל אוים סודות
פון ליעבע און פון פרייד...

אָה, װעלכעס ליעד...

אָה, װעלכעס ליעד באַשאַפען האָט
דיין הארץ אצינד?
אָה, זינג מיר, קינד, דאָס ליעד,
װאָס האָט באַשאַפען איצט דיין הארץ —
דאָס שעהנע ליעד.

צי װעל איך איהר פארשטעהן,
װייס איך נים אצינד.
דאָך זינג מיר, קינד, דאָס ליעד,
װאָס באַשאַפען האָט דיין הארץ —
דאָס װאונדער ליעד...

מיין ליעב פארלאנג איז היינט נעשעהן,
מיין גליק, מיין גליק איז גרויס געוועזן!
זאָל שטענדיג, שטענדיג אזוי זיין,
זאָל נים פארלעשען זיך מיין שיין!

זאָל לויכטען טאָג און נאכט פאר מיר,
אזוי ווי היינט מיט איהר, מיט איהר...
מיין גליק, מיין גליק האָט אויפגעשיינט,
זאָל שטענדיג ליכטיג זיין, ווי היינט!

ס'האָבען דיינע ווייכע אָרעמס...

ס'האָבען דיינע ווייכע אָרעמס
שטארק און ווארים מיך געצויגען,
ס'האָבען דיינע הייסע קושען
יעדען וועהטאָג אויסגעזויגען...

מעגען זיך די שוועסטער דיינע,
די נאאיווע, איבערנעהמען,
אז זיי זענען ריין און הייליג,
קיינמאָל ניט בארירט פון וועמען.

שעץ איך דיך און אכט נאָך מעהרער,
בלייבסט מיר שטענדיג ליעב און טייער,
ווייל דו הייליגסט און דו לייטערסט
מיט דיין ליעבע, מיט דיין פייער...

דער קוש

דער קוש ווערט פיעל רייכער און שענער,
ווען מ׳רירט דיינע ליפּען נאָר אָן.
דיין ליפּ איז ווי זאַפטיגער וויין,
וואָס פליסט טיעף אין האַרצען אריין,
און טריפט דאָרט מיט זון און מיט שיין.

און ווערט מיר דאָס לעבען ווען טרוקען,
און שווער אויפ׳ן האַרצען, ווי בליי...
ס׳דאַכט מיר, אַזוי ווי דער טויט וואָלט
באַגראָבען דאָס שיינענדע גאָלד,
וואָס האָט זיך אין חלום געמאָלט.

דאַן פאַלט נאָר מיין בליק אויף דיין וועזען,
וואָס איז נאָר פון גאָט ווי באַשאָנקען,
טויט-מיעדע הערצער באַגליקען,
מיט ליעבע און ווארימע בליקען,
מיט קושען און טויזענדער גליקען.

אין דיין לאַך, דיין שטיף...

אין דיין לאַך, דיין שטיף
ליגט פאַרבאָרגען טיעף,
אַ וועהטאָג און אַ צער.
און איך, גרויסער נאַר,
ליעב דיך נאָך דערפאַר.

אין דיין אויגען־גלאַנץ,
אין דיין בליקען־טאַנץ
פלאַקערט אַ באַנער,
ציטערט שטיל אַ טרער...
ליעב איך דיך נאָך מעהר...

דערמאָן איך איהר נאָמען...

דערמאָן איך איהר נאָמען...
ס׳הארץ הויבט אָן האסטיג צו קלאפּען,
ס׳הויבט מיך אָן נאָגען און ציהען,
אזוי ווי מיט צוואנגען...
א בענקשאפט באפאלט מיך און כ׳הויב אָן
צו לויפען און זוכען,
כ׳זוך זי ארום, ווי א חלום,
וואָס איז שוין פארגאנגען.

דאָך קען איך ניט מעהרער
ערגעץ געפינען מיין חלום,
מיין חלום דעם שעהנעם... מיין חלום
דעם בענקענדען, שטומען...
זיי שטיל־זשע, מיין הארץ, און הער אויף
אזוי קלאפּען און קלאפּען,
און ווארט אויף א חלום א נייעם,
וואָס וועט צו דיר קומען...

ציה אָן...

ציה אָן דיין העלע זומער־קלייד,
דאָס זעלבע קלייד פון ווייסען זייד,
אין וועלכען כ׳האָב צום ערשטען מאָל
באגעגענט דיך אין פריהלינג־צייט.

צעלאָז די בלאָנדע זיידען־האָר,
וואָס האָבען דאַן באקרוינט דיין קאָפּ,
און ווי די שלאַנגען גאָלדענע,
נאָכהענגען זאָלען זיי אראָפּ...

און זיצען וועל איך לעבען דיר,
ווי דאַן אין יענער נאַכט אמאָל,
ביז שווימען וועט די חלום־נאַכט
ווייט ווייט אוועק אין טיעפען טאָל...

דו ביזט...

דו ביזט דער חלום, וואָס כ'האָב לאַנג געטרוימט,
דו ביזט דאָס גליק, וואָס איך האָב לאַנג פאַרזוימט,
דו ביזט די פרייד, וואָס האָט מיין האַרץ באַגערט,
דו ביזט די וועה, וואָס האָט מיין פרייד צעשטערט,
דו ביזט די ליכט, וואָס האָט באַלויכט מיין נאַכט,
דו ביז די נאַכט, וואָס האָט מיך בלינד געמאַכט...

מיר זיצעןביידע...

מיר זיצען ביידע אויף א באנק,
ביידע שווייגען...
ס'יאגט א ווינטעל, ווינט די בוימער,
ס'רוישען צווייגען...

מיר זיצען ביידע אויף א באנק,
וואס וועט ווערען?
ס'שווימט ארום שוין די לבנה,
ס'גליהען שטערען...

מיר זיצען ביידע אויף א באנק.
מיט שטומען נאגען...
מיר וועלען ביידע באלד צעגעהן זיך,
גאר ניט זאגען...

מאָרגנ...

מאָרגן וועל איך ווארטען ווידער
אוי, דאָס ווארטען! אוי, דאָס ווארטען!
אויף א חלום א גענארטען — —
מאָרגן וועל איך ווארטען ווידער...

מאָרגן וועל איך ווארטען ווידער
אוי, דאָס ווארטען! אוי, דאָס ווארטען!
אויף א חלום א גענארטען...
אוי, דאָס ווארטען! אוי, דאָס ווארטען!

גלייכער...

גלייכער, וואָס דו ביזט ניטאָ,
כאָטש ס'איז אומעטיג די שעה,
און מיט דיר איז פרעהליך פיעל;
אָבער דאָך נאָר בלויז א שפיעל....
ס'מוז דאָך קומען ווען אַן ענד,
דו האָסט פיעל אין שפיעל פאַרשווענדט...

צווישן מיר און דיר
האָט עמיצער אַ פרעמדער
אַריינגעשלייכט די טריט...
געהערסטו נאָך צו מיר —
ווייס איך איצטער ניט.

שטעה איך איצט פון ווייט
און קוק צו דיר פאַרשעהמט,
און פרעג דיך שטום און פרעג,
מיט טרערען אין מיין בליק:
שטעהט נאָך ווער אין וועג?

— — — — — — — — —

געהערסטו נאָך צו מיר?

כ׳וואָלט צו דיר געקומען...

כ׳וואָלט געוואָלט צו דיר אַמאָל נאָך קומען,
ביזטו אָבער עפּעס בייז אויף מיר.
ס׳קוקען קרום אויף מיר די בליקען דיינע,
מייד איך אוים דערפאַר צו געהן צו דיר...

פאַרדריסט עס מיר אַזוי און ס׳טוט מיר באַנג,
ביזט דאָך אַזאַ וואוילע, ליעבע קינד.
נאָר שוין אַ ביסעלע צופיעל נאַאיוו,
עס איז ביי דיר דאָס קלענסטע שפּאַס אַ זינד.

אין איהר צימער

דאָס ליכט האָט געברענט אזוי טונקעל
אין צימער ביי איהר...
ווען פלוצלינג עס האָט זיך דערטראָגען
א ניגון צו מיר...

דאָס האָט זיך איהר נאכט־שטילע תפלה
צעגאָסען אין נאכט....
און איך בין מיט וועה־שטומען שוויייגען
געזעסען פארטראכט...

מיט ליעבע און טריבע געדאנקען
געקוקט שטום אויף איהר...
און ס'האָט זיך דער ניגון אלץ נעהנטער
דערטראָגען צו מיר...

אין צימער געוואָרען איז פינסטער...
ס'האָט טיעף וואָס גענאָגט...
ס'האָט ווער מיט באהאלטענעם קומער
אין שטיל זיך צעקלאָגט...

עס האָט די נאַכט מיך אָנגעקוקט,
מיט שוואַרצע אויגען דורכגעבליקט,
ווען איך בין שפּעט געגאַנגען...
אָה, שוואַרצע נאַכט, איך שרעק מיך ניט,
עס זינגט מיין הארץ נאָך אַלץ דאָס ליעד
פון שטורמענדע פאַרלאַנגען...

עס שרעקט מיך ניט דעם וועכטער׳ס בליק,
עס טאַנצען מיינע טריט פון גליק.
וואָס קען מיך איצט דען אַרען?
איך לויף אַהיים און טראַכט אַצינד
פון איהר, די ווילדע, ליעבע קינד,
און כ׳לאַך פון וועלט׳ס געפאַרען!

איך און דו

איך וועל טראַכטען, דו וועסט טראַכטען
היינט ביי נאַכט אויף דעם גע־לייגער
איך וועל צעהלען, דו וועסט צעהלען,
די מינוטען אויף דעם זייגער...

מיינע ליפּען, דיינע ליפּען
אַ נאָמען וועלען לאַנג דערמאָנען...
איך וועל בענקען, דו וועסט בענקען,
און די נאַכט ניט שלאָפען קאָנען...

גוטע נאַכט

גוטע נאַכט, מיין ליעבע, גוטע נאַכט!
ס׳קומט דער שלאָף און מאַכט די אויגען צו...
גוטע נאַכט, מיין ליעבע, גוטע נאַכט!
זאָל די נאַכט אונז ביידע שענקען רוה...

גוטע נאַכט, מיין ליעבע, גוטע נאַכט!
עפּעס קייקעלט זיך אַ שטילע טרער...
גוטע נאַכט, מיין ליעבע, גוטע נאַכט!
כ׳דעק זיך איבער... און איך טראַכט ניט מעהר...

גוטע נאַכט, מיין ליעבע, גוטע נאַכט!
ס׳דרימעלט זיך אזוי... און ס׳ברענט דיין בים...
גוטע נאַכט, מיין ליעבע, גוטע נאַכט!
שלאָף־זשע איין מיט חסד, חלום זים...

און איצט בין איך רוהיג...

און איצט בין איך רוהיג, און איצט בין איך שטיל:
איצט גלעט און עס צערטעלט א ליעבער געפיהל...
איצט ליגט וואו באהאלטען אין הארץ טיעף א סוד,
וואס הייליגט און לייטערט, באהעפט מיך מיט גאט...

ס'איז לייכט די נשמה, און לייכט דאס געמיט...
עס רעגט ניט און וועקט ניט קיין תאוה און ציהט...
איצט ליג איך אין שטילקייט און וועב זיך מיין סוד,
דערווייטערט פון מענשען און נעהנטער צו גאט...

און קום איך ניט אָפּטער...

און קום איך ניט אָפּטער, זאָלסטו מיר פאַרגעבען,
ס'איז שולדיג דער שטורם, דער שטורם פון לעבען.
דער שטורם, וואָס ברויזט... און עס וויל זיך ניט שטילען...
דער שטורם, וואָס ברעכט און פאַרניכטעט דעם ווילען...

דאָס לעבען עס ווייס ניט פון צייט און מינוטען,
פון צוזאָג, פון פליכטען, פון ליידען און בלוטען,
עס יאָגט, ווי אַ שטורם... און טרייבט ווי אַ וויכער...
צו לעבען וואָס מעהרער, צו לעבען וואָס גיכער...

און איצט...

און איצט, ווען ס׳איז שפעט שוין געוואָרען,
עס זענען פאַרגאַנגען שוין יאָהרען,
מיין ווען האָט געשטילט....
איז צו מיר ווידער געקומען
מיין טרוים, וואָס איז לאַנג שוין פאַרשוואומען,
מיין טרוים — אין איהר בילד.

אין בוך, אַ צעריסענעם, אַלטען,
שטום איז עס געלעגען באַהאַלטען,
אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג...
זי שמייכעלט נאָך אַלץ אַזוי ביטער...
איך קוק אויפ׳ן בילד און איך ציטער...
און ס׳טוט אַזוי באַנג...

בריעף

ווען דו ביזט געווען אזוי גוט, אזוי ליעב,
בין איך אזא שלעכטער געבליבען;
ווען דו האָסט מיר בריעף אזוי אָפטער געשיקט,
האָב איך דיר א וואָרט ניט געשריבען...

היינט ליגען די בריעף אזוי קאַלט, אזוי שטום,
איך קוק אויף זיי איצט און באַדויער.
און ס׳דוכט מיר, איך זעה דאָרט דיין ליידענדע האַרץ
פאַרגליווערט פון פיין און פון טרויער.

כ׳בין אמאָל...

כ׳בין אמאָל צו דיר געקומען
נאָך א לאנגע, לאנגע צייט.
האָסטו אזוי געגאַרט מיך זעהן,
כ׳בין געוועזען ערגעץ ווייט...

איז דיין ערשטער וואָרט געוועזען :
„זאָג מיר, ליעבסטו מיך שוין ציגד ?"
ווידער ביזטו שטיל געבליבען,
ווי א יתום׳ריגע קינד,

ווען עס פרעגט די צווייטע מאַמע
עפּעס וואָס — זי ענטפערט נים.
שטילע, שטום־פאַרשעהמטע טרערען
האָבען אין דיין אויג געגליהט.

איצטער וואָלט איך דיר געענטפערט,
ביזטו אָבער מעהר ניטאָ ;
בלאָנדזשעט אום מיין הארץ א מיעדע,
ווי א זינדיגע אָהן רוה...

איהר בילד

דער פאָטאָגראַפער האָט אַרויסגעשטעלט איהר בילד.
צווישען בילדער פיעלע האָב איך איהר דערזעהן,
און אַ פאַרגליווערטער אַ ווייל, געבליבען שטעהן...
און אַ וועהטאָג טיעף אין האַרץ דערפיהלט...

שוין לאַנג, שוין לאַנג שטעה איך און בליק אויף איהר געזיכט.
און אין די אויגען איהרע קוק איך טיעף אַריין...
און ס׳שעפּטשען שטיל די ליפּען מיינע: ליעבסטע מיין!
וואָס מאַכסטו, קינד, מיין לאַנג שוין אויסגעגאַנגען ליכט?

איך וויים דו האָסט פאַרווישט אַ יעדען שפּור פון דיר,
צעריסען האָסטו אַלץ... דיין יעדער שריפט און וואָרט...
און ווי אַ בלינדער זוך איך דיר פון אָרט צו אָרט,
און דיינע וועגען זענען וויים און פרעמד פון מיר...

דאָך איצטער האָב איך דיך געפונען, קינד, אָט דאָ!
אַריינגעפּריימט צווישען בילדער אויבען־אָן.
שטעהען דומע מענשען און מען קוקט מיך אָן,
פאַר וואָס איך שטעה דאָ אַזוי לאַנג אַ שעה נאָך שעה.

און פרעס די ליפּען מיינע דאַרשטיג צו דעם גלאָז,
וואָס האָט פאַרשטעלט פון מיר איהר ליעב און צאַרט געזיכט,
ווי פאַר'ן בלינדען איז פאַרשטעלט די העלע ליכט,
און פייניג זיך אין שטילען וועה, פאַרדראָס.

דו שווייגסט... דו ענטפּערסט ניט... ס'איז קאַלט און שטום דיין בליק...
עס גיט אַ קאַר אַ קלונג... די גאַס איז פול און שוואַרץ...
שווייג־זשע אויך, מיין בלוט פאַרוואונדעט האַרץ!
און באַוויין אין שטיל דאָס גליק.

איך ווייס...

איך ווייס, איך וועל דארפען אמאָל דיר, מיין קינד,
א חשבון אפּגעבען...
דו וועסט עס אָנרופען פארברעכען און זינד
און איך: „לוסט און לעבען".

דו וועסט ביי מיר פרעגען און פרעגען גאָר פיעל,
איך זאָל דיר ערקלערען...
און פּלוצלינג צעוויינען זיך וועסטו זיך שטיל
מיט ביטערע טרערען...

וואָס זאָל איך דאן ענטפערען דיר די מינוט
צו מאכען דיר לינדער?
דו ביזט אזוי שטיל, אזוי נאָכגיביג, גוט,
און איך — אזא זינדער!

מײַן שטראָף

איך און דו מיר װעלען בײדע
בלוטען פון די זעלבע װאונדען...
איך און דו מיר װעלען בײדע
גאָר מיט צװײטע זײַן פאַרבונדען...

דו װעסט ניט אין דעם זײַן שולדיג,
שולדיג זײַן װעל איך פיעל מעהרער...
װעט מײַן װאונד אין דאָפּעלט בלוטען
און מײַן שטראָף װעט זײַן פיעל שװערער...

אַמאָל

וועל איך אַמאָל צו דיר ווען קומען,
ווען עס וועט צו שפּעט שוין זיין...
ווען ס׳וועט מיין גוף זיך מיעד שוין בויגען,
און ס׳וועט דער גלאַנץ פון מיינע אויגען
חושך און פאַרלאָשען זיין...

אָה, שוועסטער, האָב ניט קיין נקמה,
ווען מיין האַרץ וועט זיין פאַרברענט
פון אַ חרטה און אַ בענקען,
דיין מיטלייד בליק זאָלסטו מיר שענקען,
אנדערש זיין האָט ניט געקענט...

לויכט אַ נייער שטערן..

לויכט אַ נייער שטערן אויף,
גער איך באַלד איהם גלייך אנטקעגנען:
אפשר וועט ער פיהרען מיך
אויף נייע, גליקליכערע וועגען.

אפשר וועט ער העלער זיין,
ווי די שטערען, ווי די אַלטע...
די אַלטע שטערען זענען דאָך
טונקעלע אזוי און קאַלטע...

אפשר וועט א נייע ליכט
מיך אין ליעבע־שיין פארשפינען...
און מיין מיעד פארבלאָנדזשעט הארץ
וועט אמאָל ווען רוה געפינען...

אַמאָל האָט

אַמאָל האָט זיך צו מיר אַנטפּלעקט
אַ שטערען־בליץ און באַלד אַוועק...
זוכט מיין האַרץ דעם הימעל־שיין,
ווי ס׳זוכט אַ בלינדער אום דעם וועג...

פינסטער זענען איצט די נעכט,
און די הימלען וואָלקען־שוואַרץ...
איז ניט ליעב מיר איצט די וועלט,
הילט אַ טרויער איין מיין האַרץ...

נייע ליעבעס...

נייע ליעבעס, נייע גליקען,
נייע קושען, נייע בליקען,
יעדען טאָג און יערען מאָל
באַלד פאַרגעסען שוין די צאָל...

אָהָ, עס ווערט שוין איבערדריסיג,
און די יאָהרען שנעל און פליסיג
לויפען, לויפען און צערונען,
און האָסט אַלץ נאָך ניט געפונען

רוה און גליק, וואָס זאָל דיין לעבען
אַ ביסעל פרייד און אינהאַלט געבען,
און מוזט נאָר שטענדיג יאָגען, איילען
שעה׳ען צו פארוויילען...

ליעב איך...

ליעב איך איינע, צווייִ,
שטענדיג נאָר איך ליעב,
דאָך מיין וועלט איז טריב,
כ׳בלייב דאָך ביי מיין וועה...

און דאָס לעבען פליהט,
יאָהרען, זיי פארגעהען,
ס׳מעהרען זיך די וועהען...
און די צייט פארבליהט...

וועסט קיינמאָל ניט וויסן

וועסט קיינמאָל ניט וויסען מיין ליעבע צו דיר,
כאָטש ליידען וועל איך שטילערהייט, שטילערהייט...
פון וויטען וועל איך נאָר שטום קוקען אויף דיר,
און זיין וועסטו שטענדיג מיין וועה און מיין פרייד.

איך וועל דיר שטיל נאָכגעהן, אזוי ווי א קינד,
א טראָט נאָך א טראָט, שטילערהייט, שטילערהייט...
פון וייט וועל איך שיקען מיין תפלה צו דיר,
וואָס וועט דיר דערצעהלען מיין וועה און מיין פרייד...

און וועל איך...

און וועל איך ווען נאָך זעהן דיר
און ס׳וועט דיין בליק אויך בלייבען קאַלט,
דאַן וויים, אַז איך פאַרלאָז דיך באַלד,
כ׳האָב פיינט, אַז מען איז קאַלט צו מיר

איך ליעב אַ בליק, וואָס גליהט און ברענט,
מיך אַרט ניט, צי ס׳איז וואָר, צי שפּאַס.
דו ליעב מיך, אָדער טיעף פאַרהאַס!
נאָר אַליץ מיט הייסען טעמפּעראַמענט...

כ׳האָב דיך אומגעריכט באַגעגענט

כ׳האָב דיך אומגעריכט באַגעגענט,
שנעל מיר האָבען זיך צעזעגענט,
וועל איך, קינד, דיך שוין גערענקען,
וועט אַ חלום און אַ בענקען
מיך גאַנץ אָפט אָן דיר דערמאָנען
כ׳וועל פיעל נעכט ניט שלאָפען קאָנען.

פארגיב

כ׳האָב דיר גוטע נאַכט געזאָגט
און בין אַוועקגעגאַנגען...
דו ביזט געבליבען איינע אליין,
פון איינזאַמקייט געפאַנגען...

עס האָט מיר נאָכגעפאָלגט דיין בליק,
פול טרויער און באַגערען...
געציטערט שטיל אין אויג ביי דיר
עס האָבען דיינע טרערען...

כ׳בין אַוועק... און לאַנג געטראַכט
פון דיר... פון דיינע ליידען...
פאַרגיב מיר, קינד, כ׳האָב געמוזט
מיט דיר זיך דאַן צעשיידען...

צוויי הערצער

עס האָט זיך געהויבען אַ האַרץ און געשפּרונגען פון פרייד,
עס האָט זיך געוואָרפען אַ האַרץ און געציטערט פון לייד,
געלאַכט און געוויינט האָבען הערצער פאַר׳חלש׳טע צוויי...
איינע פון לוסט... און די צווייטע פון אַנגסט און פון וועה...

עס האָבען צוויי הערצער געקלאַפּט אַזוי מורא׳דיג שטיל...
איינע פון תאוה געדרעגט... און די צווייטע פון ליעבע־געפיהל...
ווען אַלץ איז פאַראיבער... אַוועק איז מינוט נאָך מינוט...
האָט איין האַרץ געבלוטיגט... און איינע געפיהלט אַזוי גוט...

אַ שעה איז פאַראיבער. איין האַרץ האָט געוויינט אַזוי שטיל...
און איינע האָט רוהיג געשוויגען מיט תענוג־געפיהל...
אַ שעה נאָך אַ שעה איז פאַרביי און געוועזן איז שוין שפּעט...
דאַן האָבען די הערצער זיך ביידע אויף אייביג צעשיידט...

איך ווייס נאָך ניט, אָה, ליעבע קינד,
צי ליעבסטו מיך, צי ניט!
דערווייל ביזטו מיין הארצענס-טרוים,
דורך דיר שאַף איך מיין ליעד.

דער צווייפעל איז דעם דיכטער׳ס וועג
פון שטענדיג, שטענדיג אָן...
צוליעב א ליעד די יאָהרען, טעג
אָפט שטעלט ער איין אין קאָן...

און ווען דו ביזט אין הויז, וואָס טוסטו דאָרט?
באַדאַרפסט עס מיר ניט זאָגען ניין!
איך ווייס דאָס, קינד, איך ווייס אַליין,
אַז דו געפינסט ניט אין דיין היים קיין אָרט...

און שטום דרעהסטו אַרום זיך אין דיין הויז
און ווייסט ניט, וואָס צו טאָן מיט זיך...
אַ בוך... אַ בליק... פאַרמאַכסט איהם גיך...
אָט קוקסטו דורכ'ן פענסטער גאָר אַרויס...

דו קוקסט און טראַכסט: צי איז פאַר דיר
אין לעבען נאָך פאַראַנען גליק?
און עמיצען עס זוכט דיין בליק...
און ס'שטעהט דער עמיצער נאָהנט ביי דיין טיר

שוין שטונדען לאַנג אַ מיעדער אָנגעשפאַרט
און בליקט מיט שטומען וועה אויף דיר...
און קושט פון ווייט דיין יעדען ריר...
און לעכצט און בענקט נאָך דיר און וואַרט און וואַרט...

צ י י ט ע נ ו ו י י ז...

צייטענווייז ביזטו אזוי, ווי א שטורם,
וואס יאָגט שנעל פאַרביי און צעברעכט יעדען בוים...
אזוי רייסטו אוים מיט אמאָל פון מיין הארצען
די פרייד פון מיין לעבען... מיין גליקליכען טרוים...

צייטענווייז ביזטו א ווינטעל א מילדעס,
וואס שטיפט און עס שפיעלט זיך מיט גראָז און מיט בלום...
ווידער לעבט אויף דאן די פרייד אין מיין הארצען,
און טאנצט, ווי א גליקליכע קינד דאָרט ארום...

כ'קען דיר ניט פארשטעהן

אך, איך קען דיר ניט פארשטעהן,
ביזט נאאיוו, אט ווי א קינד;
ווי א מלאך ריין פון זינד,
כ'בענש דיין קומען און דיין געהן.

רעדסטו, דאכט מיר, יעדער ווארט
האט ווי דימענטען די ווערט...
כ'בליק אין דיינע אויגען צוויי,
ווי די הימלען טיעף פארקלערט...

פלוצלינג ווערסטו ווילד. עס ברויזט
ליידענשאפט פון זיי ארויס...
פונקען פליהען פון דיין מויל,
און דיין בליק ווערט ברייט און גרויס...

ניין! איך קען דיר ניט פארשטעהן,
טייפעל־פרוי, דו מלאך־קינד!
אט ביזטו די הייליגקייט,
אט א גרויסע שווערע זינד...

ג ע נ ו ג

כ׳וועל צעלאָזען די גאַרדינעז,
אַלע פענסטער לאָזען אָפען...
ס׳איז אומזיסט דאָך שוין דאָס האָפען
ווען אַמאָל דיך צו געווינען.

היינט צו וואָס געהיים־געפיהלען
און באַהאַלטען זיך פון לייטען...
ווען מיר בלייבען פון דער ווייטען...
אָך, גענוג זיך נאַריש שפּיעלען...

שלאָף

ליגסטו און דו שלאָפסט,
טו שלאָף געזונטערהייט!
שלאָף, ווי לאַנג דו קענסט,
אין שלאָף געפינסטו פרייד...

איך אָבער בין וואך!
מיין לעבען קאָכיג־זיד...
כ'בין נאָך אַזוי יונג,
און דו — שוין אַזוי מיעד...

ווען איך גײ אוועק...

ווען איך גײ אוועק פון דיר, ניט מײן,
אז אנידער זעץ איך זיך און װײן...
אויף מײן מזל אזוי עלענד, שווער...
און נאָר שטענדיג בלויז פון דיר איך קלער...

נאַריש מײדעל, האַלט זיך נאָר ניט גרויס!
כ׳זוך אַ צווייטע מײדעל באַלד זיך אויס!
זענען מײדלעך דאָך פאַראַנען פיעל...
און דאָס לעבען איז דאָך נאָר אַ שפּיעל...

מיר זענען געגאַנגען...

מיר זענען געגאַנגען דורך וועגען פאַרקרימטע,
נים קיינער געטאַרט האָט אונז זעהן...
מיר זענען געגאַנגען מיט ליפּען פאַרשטומטע,
דאָך שווייגענדיג גליקליך געווען...

מיר זענען אַוועק ווייט פון שטאָדט און פון מענשען,
אין פעלד צווישען גראָזען און בלומען...
כ׳וועל שטענדיג געדענקען די נאַכט און זי בענשען,
וואָס איז אונז צו הילף דאַן געקומען...

מאמענטען

וואַרפסט מיר אויף, אַז נאָר מאָמענטען
עקזיסטירען אין מיין לעבען,
אַז איך זוך נאָר יענע ווײַלע,
זאָל געננום און גליק מיר געבען.

האָסט אַ טעות, ליעבע מיינע,
ס׳געהט ניט אַ מינוט פאַרלאָרען,
דען מאָמענטען און מינוטען
שטעלען דאָך צונויף די יאָהרען.

און אַ גליק, וואָס דויערט אייביג,
האָט עס ווען דען שוין געגעבען?
קענסטו, קינד, אַזאַ גליק שאַפען,
כ׳בלייב ביי דיר מײַן גאַנצען לעבען.

יענע צייט

ניט דערמאָן מיך יענע צייט.
ס'איז אַ ווילדע צייט געווען.
ביזט געוועזען יונג און שעהן,
איך — אַ ווילדער יונג פאַרשייט...

און אַ פריהלינג האָט געגליהט,
אַ זונען־טאָג, אַ שטערען־נאַכט...
ס'האָט די בלום געררייצט, געלאַכט,
תאווה'דיג דאָס בלוט געזיד.

ניט דערמאָן מיך יענע צייט,
יענע טעג פון וועה און פרייד,
יענע נעכט פון לוסט און לייד,
יענע צייט איז איצטער ווייט.

די צייט

ס'האָט די צייט שוין אָפּגעלעבט,
ס'איז דער חלום אויסגעוועבט,
כ'וועל דיך לאַנג, נאָך לאַנג געדענקען,
ס'וועט מיין האַרץ נאָך בענקען, בענקען...

נייע גליקען, נייע וואונדען
וועלען קומען און פארשוואונדען...
און חלומות נייע וועבען... —
יא, אזוי איז שוין דאָס לעבען!...

ס'וועט זיין אזוי:
מיר וועלן זיך אביסעל נאָר פארוויילן...
ס'וועט ניט נעהמען לאנג,
און וועה... און באנג...
ווי אלע מאָל,
וועט אָנפילען מיין הארץ
מיט נאָגענדען פארלאנג...

און כ'וועל, ווי אלע מאָל,
שלינגען שטיל מיין טרער...
און א בענקשאפט שווער
פרעסען וועט מיך שטיל...
און מיין פארשוואונדען גליק
וועט טאנצען ערגעץ וואו
און לאכען פון מיין וועה,
און לאכען פון מיין טרער...

ס'ווערט מיין הארץ...

ס'ווערט מיין הארץ ניט מעהר פארציטערט,
ווען איך טרעף דיך אָן אמאָל...
דיינע זיסע, ליעבע ווערטער
קלינגען, ווי א ווידער־קול —

ווי פון ערגעץ ווייטע וועלטען,
וואו איך האָב אמאָל געלעבט,
און באצויבערט פון דיין שמייכעל,
זיך חלומות שטיל געוועבט...

אך, צעשטערט עס זענען איצטער
יענע וועלטען... יענער גלאנץ...
און צעשטערט דער שעהנער חלום,
און פארוועלקט דער ליעבעס־קראנץ...

הערבסט

מיר מוזען זיך, קינד, שוין צעזעגענען,
עס איז שוין דער הערבסט אָנגעקומען...
מיר קענען זיך מעהר ניט באגעגענען,
מיר מוזען זיך, קינד, שוין צעזעגענען...

ווען קומען דער פריהלינג וועט ווידער
און אָנפאנגען בליהען וועלען בלומען;
יועל איך צו דיר ווידער דאָן קומען,
ווען קומען דער פריהלינג וועט ווידער...

און וועסטו ביז דאָן שוין פארשווינדען,
איך וועל מעהר ניט קענען דיך זעהן...
וועט קיינמאָל דער הערבסט ניט פארגעהן,
וועט קיינמאָל דער הערבסט ניט פארשווינדען...

אויף די אלטע וועגען...

כ׳נעה ארום און זוך דיך אויף די אלטע וועגען,
פאלט אויף מיר און פאלט א דראבנער אסיען־רעגען.
אין פארק איז פוסט און וויסט, ס׳פאלען מיעד די בלעטער.
געה איך אום און טראכט זיך פון מיין איצט און שפעטער...

איצטער בין איך עלענד און אליין געבליבען,
שפעטער וואס וועט ווערען פון מיין טרוים און ליעבען?
וועט דאס בייזע מזל ניט מיין גליק צעשטערען?
וויינט אין מיר   ס הארץ און פרעגט: אך, וואס וועט ווערען?

כ'האָב עפּעס פאַרלאָרען

ס'איז הערבסט שוין, מיין קינד, און איך ווייס ניט,
וואו זיך צו באהאַלטען
פון אומעט דעם קאַלטען,
פון צווייפעל, וואָס נאָגט טיעף און ציהט...

ס'איז הערבסט שוין, מיין קינד, און דאָס לעבען
איז גראָהער געוואָרען...
כ'האָב עפּעס פאַרלאָרען
פון זיך... פון מיין הייליגען שטרעבען...

דו ביזט אוועק...

דו ביזט אוועק...
ס׳פארהיימליכט ניט מיין צימער מעהר דיין זיין.
דו ביזט אוועק, אָה, קינד, דו ליעבע מיין !...
ס׳איז שטיל און טרויעריג אוואו איך ווארף מיין בליק.
פארשוואונדען פון מיין צימער איז דאָס ליכט און גליק...

דו ביזט אוועק...
עס קוקט דער הערבסט מיט וועה צו מיר אין הויז אריין.
ס׳איז דער הערבסט נאָך מילד... עס גליהט נאָך זונען־שיין...
דאָך מיר... אָה, מיר איז אומעטיג אָהן דיר און קאַלט...
און די זונען־שטראַהלען וועלען אויך פארשווינדען באַלד...

כ׳זעה דיר ניט

נו, זעה איך דיר שוין ווידער ניט,
ווי כ׳זעה ניט מעהר א בלום, וואָס בליהט...
דער הערבסט, ער איז שוין ווידער דאָ,
און דו, אָה, קינד, ביזט מעהר ניטאָ...

איך וועל ניט זוכען איצט דיך מעהר,
איצט הענגט דער הימעל־וואָלקען שווער...
פאַרוועלקט איז איצט א יעדע בלום,
און עלענד איז דאָס הארץ און שטום...

כ׳געה אוועק...

און איז שוין טאקע אלץ אוועק,
פרייד און לעבען, וועה, געננום —
כ׳האָב אויף דיר ניט קיין פארדרוס,
ס׳מוז דאָך קומען צו א ברעג.

איצטער געה איך זיך מיין וועג,
וואָס דאָס לעבען מיר באשערט,
כ׳ווער פון קיינעם ניט געשטערט
כ׳געה אן איינזאמער אוועק...

און האָב איך דאָס דערהערט...

און האָב איך דאָס דערהערט,
אַ וויג געטאָן האָט זיך מיין גוף;
דאָס האַרץ האָט אויפגעציטערט שטיל,
ווי דאָס געפיהל
פון אַ פאַר'משפט'ען, ווען ער דערהערט
דעם לעצטען רוף...

און לאַנגזאַם איז מיין קאָפּ,
ווי בליי, אַראָפּגעזונקען שווער...
מיין בליק האָט ווען' צעמישט געזוכט
און שטום געפלוכט...
און קראַמפּפהאַפט האָט מיין האַנט
פאַרווישט די טרער...

ביזט פרעהליך היינט...
עס איז דיין הארץ איצט פול מיט פרייד,
און איך בין פול מיט גרויסען לייד...
און איך האב לאנג געווארט,
און איך בין אפגענארט...

און זעה איך דיר,
איצט לאכען פיעל און לוסטיג זיין,
גליהט אויף מיר א העליש פיין,
און ס'טרויערט מיין געמיט,
כאטש כ'פרעה זיך מיט דיר מיט...

און כ'ווייס אויך ווער
עס האט צו דיר די פרייד געבראכט,
דיין טרויער צו א פרייד געמאכט,
דיין יוגענד אומגעקערט,
און מיר מיין אויג פארטרערט...

און דאָך ווייס איך:
דיין פרייד וועט ניט געדויערען לאַנג,
עס קען דאָך ניט א פאַלשער קלאַנג,
א פרייד פון בלינדען ציעל,
באהערשען דאָס געפיהל... — —
דו וועסט נאָך וויינען שטיל...

טאַנץ איך, מיר זאָל זיך דער קאָפּ פאַרדרעהען.
טאַנץ איך צו פאַרטאַנצען מיינע וועהען...
מיינע וועהען, מיינע ליידען
זענען שטילע און באַשיידען —
טאַנץ איך.

טאַנץ איך, ווען אַן איינזאַמער אין צימער,
זיץ איך אין לבנה־שימער...
און די שאָטענס שטומע, בלייכע,
דרעהען זיך, ווי שלאַנגען ווייכע —
טאַנץ איך...

טאַנץ איך, ווען איך ...רט, אַז זי זאָל קומען.
כ׳האַלט אין האַנט געגרייט אַ בינטעל בלומען,
און די שטונדען לאַנג זיך ציהען,
און אַן אומרוה נעהמט מיך גליהען —
טאַנץ איך...

טאַנץ איך... אָפּגענאַרט און ניט געקומען...
מיט אַ האַנט פאַרוועלקטע בלומען,
ווי פאַר׳שיכור׳ט זיך מיט וויין,
אין מיין ברענענדיגען פּיין —
טאַנץ איך...

[illegible]

פיאנאָ־קלאַנגען

ווייט פון שטאָדט אַ הויז — אַ פּאַלאַץ
איינגעטונקט אין גראָז און בלומען ;
ווייכע, שטילע פּיאַנאָ־קלאַנגען
דורך די פענסטער פלעגען קומען.

און זיי פלעגן זאַנפט אַפּקלינגען
אין דער דאָרפיש שטילער סביבה,
און זיך טראָגען מיט אַ זיסקייט
דורך די נעכט, פאַר׳חלום׳ט־ליעבע...

און אַ יונגע פרויען־שטימע
פלעגט זיי העל און זיס באַגלייטען,
און אַ וועלט מיט ליעבע־טרוימען
אין די שטילע נעכט פאַרשפּרייטען—

ס׳האָט דעם נגיד׳ס שעהנע טאָכטער,
ווי אַ יונגע בלום, אַ צאַרטע,
דאָרט געטרוימט פון יוגענד־גליקען,
פון חלומות ניט גענאַרטע...

ווי זי וואָלט דעם גוטען בורא
יעדען טאָג אַ שבח אָפּגעבען,
מיט געזאַנג און פּיאַנאָ־קלאַנגען
פאַר איהר גליקליך, רייכען לעבען...

...איינמאָל, ווען דאָס אָרים אינגעל
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם איז געגאַנגען,
נאָך אַ שווערען טאָג פון אַרבייט,
אין דעם ווערקשטאַט׳ס יאָך געפאַנגען...

פריי פול לוסט האָט ער געאַטעמט
פרישע נאַכט־לופט קלאָרע, ריינע,
און מיט ווענ באַטראַכט די הייזלעך,
שטילע, לופטיגע און שעהנע.

זעה נאָר, זעה! עס בליהען ביימער,
און ביי יעדען הויז אַ גאָרטען,
און געטראַכט האָט ער מיט וועהטאָג
פון זיין אָרים שטיבעל דאָרטען...

פּלוצלינג איז ער שטעהן געבליבען,
ווי אין חלום אַ פאַרקלערטער —
עפּעס שעהנע מוזיק־קלאַנגען
און אַ מיידעל־שטימע הערט ער,

װעלכע ציהט איהם װי מיט צװאַנגען
און עס רירען איהם ביים האַרצען
טענער האַרציגע... און װעקען
אַ געפיהל פון זיסע שמאַרצען...

און ער זעהט זי דורך דעם פענסטער;
איהרע פינגער שנעל באַװעגען
איבער װייסע, שװאַרצע ביינדלעך,
װעלכע ציהען איהם און רעגען...

יעדען טאָג איז ער געזעסען
ביי דער אַרבייט איינגעבױגען
און געגאַנגט האָט איהם אין האַרצען,
אַ פאַרלאַנג האָט איהם געצױגען

דאָרט אַהין צו יענער שעהנער,
רייכער הױז צװישען בלומען,
װאו זי זינגט דאָרט און זי שפּיעלט דאָרט,
און די נאַכט, זי װיל ניט קומען...

און עס װאַרפען זיינע פינגער
זיך און צאַפּלען ביים גענעה...
און די נאָדעל שטעכט ביז בלוט איהם,
און ער טראַכט זיך מיט אַ װעה:

אַך, אַ טאָג, ווי לאַנג ער ציהט זיך...
פיהלט ניט, ווי די פינגער בלוטען,
ווארפט צום זייגער שטומע בליקען,
צעהלט און רעכענט די מינוטען...

און די נאַכט איז אָנגעקומען,
ווי געיאָגט פון פיעל געשפּענסטער
איז ער שנעל אַהין געפלויגען
און געשטעלט זיך ביי דעם פענסטער.

שטונדען־לאַנג איז ער געשטאַנען,
ווי פאַר'שכור'ט און באַטרונקען,
אָנגעלעהנט אָן בוים דעם הויכען,
אין אַ שעהנעם טרוים פאַרזונקען...

און ביינאַכט אויף דעם געלעגער
רוהיג ניט געקענט איינשלאָפען:
עפּעס האָט זיין הארץ געמוטשעט
טיעף אַ בענקען אָהן אַ האָפען...

און געזעהן האָט ער חלומות:
שווארצע אויגען... ווייסע ציינדלעך...
און אין מח איהם געפלאָנטערט
ווייסע ביינדלעך, שווארצע ביינדלעך...

און אין ברוסט דאָרט האָט געשטורעמט
פון נאָכציהלען און פאַרלאַנגען,
קינדער־אומשולד, ליעבע־ליידען
האָבען איהם זיין האַרץ געפאַנגען...

און די צייט איז זיך געלאָפען...
גרוים דער צער און טיעף דער קומער...
ביז פאַרגאַנגען לאַנגזאַם שטאַרבענד
איז דער שעהנער העלער זומער.

און דער הערבסט איז אָנגעקומען,
און אין דרויסען ווערט אַלץ קעלטער,
בלייכער ווערט דאָס בלאַסע אינגעל,
אָפּגעצערט — דאָס פּנים, עלטער...

און די אויגען טיעפער, טיעפער
זינקען אַלץ מיט יעדען מאָרגען,
און אַ שטילער פייער גליהט דאָרט,
פון אַ טיעפען שמערץ פאַרבאָרגען...

איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט,
ס'האָט אַ ווינט געיאָגט מיט קעלט,
אַ הימעל בייז, אַ הימעל שוואַרץ
האָט פאַרהאַנגען ווילד די וועלט

און מיט פינסטערניש פארהילט
ס׳גאַנצע שטעדטעל ווייט אַרום,
און אַ אומעט חושך־שרעק
אַנגעוואָרפען אומעטום...

דאַמאָלסט איז אין נגיד׳ס הויז
פרעהליך, ליכטיג דאָרט געווען,
טענער האָבען אָפּגעקלונגען,
ווי עס וואָלט גאָר ניט געשעהן...

און צעגאָסען זיסע קלאַנגען
דורך דעם חושך ווייט געדיכט...
און אַ בלייכער שיין באַלויכטען
האָט דאָס טויטע־בלאַס געזיכט,

פון דעם קראַנקען אָרים אינגעל,
אָנגעלעגט אין זעלבען בוים,
אויסגעגאַנגען איז ער שטיל,
טרוימענדיג זיין הארצענס טרוים...

נאָכ'ן באַל.

.1

דער טאַנץ איז געענדיגט...

ער טאַנץ איז געענדיגט, מוזיק שפּיעלט ניט מעהר,
ניט שטעהן בלייב דאָך, טייער, שעהן מיידעל;
יא, טאַנצען און טאַנצען איז היינט מיין באגער,
זיך דרעהען און דרעהען אין רעדעל...

מוזיק איז דיין טראָט און מוזיק איז דיין בליק,
וואָס דאַרפען מיר קלעזמער נאָך שפּיעלען? ...
און טאַנצען מיט דיר איז אַ פרייד און אַ גליק,
און גוט איז דיין אָטעם צו פיהלען...

דער טאַנץ איז געענדיגט, ווי נאַריש, ווי דום!
באַלד לעשט מען די ליכט שוין אין האָל...
טאָ נעהם מיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ארום,
באַלד איז שוין געענדיגט דער באַל...

איז דאָס לעבען ווי אַ טאַנץ...

איז דאָס לעבען ווי אַ טאַנץ,
אַפּגעטאַנצט און שוין אַ ברעג...
וויל איך טאַנצען, טאַנצען, קינד,
טאַנצען פיעל דעם גאַנצען וועג...

טאַנצען וויל איך נים אַליין,
אַליין איז אומעטיג און באַנג...
מ'ווערם שנעל מיעד און פויל און שווער —
און דער טאַנץ, ער ציהט זיך לאַנג...

קום־זשע, טענצערקע, מיט מיר!
לאָמיר שליסען האַנט אין האַנט.
טאַנצען, טאַנצען ביז צום ברעג —
ביז צום שוואַרצען קבר־ראַנד...

3

אפגעטאנצט ביז האלבע נאכט...

אפגעטאנצט ביז האלבע נאכט,
און נאכדעם איהר באגלייט.
דעם גאנצען וועג גערעדט, געלאכט,
געלאכט פון גליק און פרייד.

דאך פלוצלינג אומעטיג ביים טיר
געבליבעןביידע שטעהן.
איהר בליק האט שטום געבעטען מיר:
„קומט ווען אמאל צוגעהן!"...

4.

כ׳ליג אויפ׳ן בעט...

כ׳ליג אויפ׳ן בעט, ס׳איז שפעט שוין ביינאכט,
און קען ניט, און קען ניט איינשלאָפען...
כ׳ליג און איך טראַכט, ס׳איז אַ חלום די וועלט,
ווי שנעל איז די צייט דורכגעלאָפען...

אַט איצטער געטאַנצט און געפרעהט זיך אין קאָן,
געטאַנצט אַט מיט די... אַט מיט יענע...
ס׳איז פרעהליך געוועזען און הילכיג געשאַלט
עס האָבען די טענער די שעהנע...

איצט ליגען זיך מיעדע אַ יעדער באַזונדער
מיט בענקען און אומעט־געפיהל...
עס שיקט אייך אין שלאָפלאָזער נאַכט זיינע גרוסען —
איינער פון נארישען שפּיעל...

.1

זייט געגריסט

אָה, שוועסטערלעך מיינע, פון נאָהנט און פון ווייטען,
באַקאַנטע און ליבע, פון לענגערע צייטען...
איהר זייט אזוי ליעב, אזוי טייער מיר אַלע!
ווער ס'איז שוין פארהייראַט, ווער ס'איז שוין א כלה.

איהר האָט מיר אין לעבען פיעל גוטע מינוטען
געשאָנקען. איך וועל אייך דערמאָנען צום גוטען...
און שטענדיג א פריינד אייך, א ליעבער, פאַרבלייבען.
איך וועל אייך באַזינגען, איך וועל אייך באַשרייבען.

און ווילט איהר אויך וויסען, ווי געהט עס מיר היינט?
איך בין נאָך אַלץ אימער פון פרויען א פריינד.
זיי זענען נאָך אימער מיין לעבען, מיין חלום,
און זוך מיט זיי אַלעמען לעבען אין שלום.

— — — — — — — — — — — —

אָה, שוועסטערלעך מיינע, געגריסט זייט מיר אַלע!
ווער ס'איז שוין פאַרהייראַט, ווער ס'איז שוין א כלה.

.2

איך האָב איצט אין זינען...

איך האָב איצט אין זינען נאָר איינע,
איך האָב ניט אין זינען מעהר אַלע...
די איינע, זי איז אַזאַ שעהנע —
זי איז מיין געליעבטע — מיין כלה.

און טרעף איך אייך, מיידעלעך, איצטער,
איך גריס אייך, ווי שוועסטערלעך מיינע!
און שטעל איך פאַר מיין געליעבטע,
זי איז אַזאַ שטילע, אַ פיינע...

איך ווייס, ס׳וועט ביי פיעלע פון אייך
אַ טרער אין די אויגען זיך שטעלען...
איהר וועט אויף מיר קוקען מיט שנאה,
דאָך זי וועט אייך זיכער געפעלען.

זי איז אַזוי יונג, ווי דער פריהלינג,
ווי טוי אין פריהמאָרגען, אַ ריינע...
כ׳בלייב אייך געטריי, ווי אַ ברודער,
דאָך ליעבען — כ׳ליעב יי נאָר איינע!...

אין פּאַרק

.1

היים דער טאָג...

היים דער טאָג. די זון, זי גליהט;
מענשען שוואַך און מענשען מיעד,
קומען רוהען אויף דער באַנק,
זיצען אָפּ דאָרט שטונדען לאַנג.
ווער עס איז שוין אַלט און מיעד,
ווער ס'איז יונג און ארבייט ניט,
ווער עס קלערט זיך פון זיין היים,
לאָזט אַ טרער שטיל און געהיים...
ווער עס קוקט אריין אין בלאַט,
און פארקלערט זיך...

און אָט שטעהט אַ יונגען מאַן,
שטעהט און קוקט אויף דעם פּאָנטאַן.
קומט אַ מוטער, טרינקט געשווינד,
און טרינקט אָן איהר קליינעם קינד,
און אַ פויגעלע, מיט שרעק,
טרינקט און זינגט און פליהט אוועק...

2

שפיעלט די מוזיק...

שפּיעלט די מוזיק... שוועבען אום אין לופט די טענער,
ווייך און ווייכער גיסען זיך די צויבער־קלאַנגען...
ווערען די געפיהלען ווייכער... רייגער, שעהנער,
ווערען די נשמות פון אַ טרוים געפאַנגען,
ווערען הערצער פול מיט בענקשאַפט און פאַרלאַנגען...

ס׳הויבט די זון אַלץ נידעריגער אָן צו פאַלען,
דאַכט זיך, אז די קלאַנגען מיט דער זון פאַרגעהען...
און פאַרשווינדען מיט די לעצטע זונען־שטראַהלען...
ווערט די בענקשאַפט שטאַרקער... נאָגענדער די וועהען...
שאָטענס שטומע, בלייכע, דרעהען זיך און דרעהען...

.8

שפאצירען זיך פארלעך...

שפאצירען זיך פארלעך אין פארק אום ביינאנדער...
שעה איין, און שעה אויס, ווי די נאכטיגע וואנד'רער...
דער קלאנג פון די מוזיק איז לאנג שוין פארשוויגען...
עס וויגען זיך שטיל נאר די בוימער און וויגען...

איין האנט דריקט די צווייטע געהיים, ווי ניט זיכער,
צו בלאנדזשען נאך ווייטער... צו געהן אהיים גיכער...
עס ווילט זיך ניט שווייגען... און ס'ווילט זיך ניט ריידען...
עס ווילט זיך ניט בלייבען... און ס'ווילט זיך ניט שיידען...

.4

איינע איז אַן אומעטיגע...

איינע איז אַן אומעטיגע
שנעל פֿאַרבײַגעלאָפֿן...
געקוקט... געזוכט אַ גוטן פֿרײַנד
און קיינעם ניט געטראָפֿן...

די נאַכט איז צוגעפֿאַלן שוין,
אַליין איז זי פֿאַרבליבן...
איצט יאָגט זי דורך דער נאַכט אין שרעק,
פֿון עלענד בייז געטריבן...

אויפ׳ן פארם

.1

לעבען שטאַל...

עס שטעהט די בהמה לעבען שטאַל
און מוקעט אוים איהר שטום פאַרלאַנג...
ס׳איז פול דער אייטער איהר מיט מילך,
און שווער געוועזן איז איהר דער גאַנג.

א גאַנצען טאָג געפאַשעט האָט
זי זיך אין מיטען גרינעם פעלד;
און פריי און אומגעשטערט האָט זי
געטראָטען אויף דער ברייטער וועלט...

איצט קערט זי אום... און פעלד־געריך
עס וועהעט פון איהר ברוסט אַצינד...
און ברענגט מיט זיך אַן אייטער פול
מיט שפייז און היילונג פאַר אַ קינד...

ב

אין דער נאַכט...

עם האָט דער הונד אַ ביל געטאָן
און פאַרשווינדען ערגעץ וואו.
די נאַכט איז שווארץ און שטיל געוועזן,
מיט שרעק־געהיימניס די רוה...

פון ווייטען האָט באַוויזען זיך
אַ ווייסער פלעק, אַ שטילער גאַנג —
האָט דורכגעוועהעט דורך די לופט,
ווי אַ ניט־צייטיג, ווייכע זאַנג...

און סודות'דיג געפליסטערט שטיל
האָט ליפּ צו ליפּ אַ שטום געבעט...
און ווי נאַכט־גייסטער ווי צוויי
פאַרשווינדען אין דער נאַכט ביז שפּעט.

.3

אלע העמאקס זענען פוסט...

אלע העמאקס זענען פוסט,
ס'בויגען זיך די צווייגען...
צוויי בלויז אויפ'ן העמאק שטיל
וויגען זיך און שווייגען...

נאכט... ס'איז גאָט'ס וועלט אצינד,
דורכאוים פון זייערט וועגען...
וויגען זיי און וויגען זיך,
ביז עס קומט א רעגען...

ס'לעמפּעל פול מיט נאַפט

ס'לעמפּעל פול מיט נאַפט ברענט רויק:
אויפ'ן ברייטען פאַרמער־טיש...
און די פאַרמערקע דערלאַנגט
קעז און פּוטער, אייער פריש.

זיצט דער פאַרמער אָנגעלענט
נאָך דער שווערער ארבייט איצט,
און ער עסט מיט אַפּעטיט,
אַזש דאָס פּנים ביי איהם שוויצט...

און דערצעהלט דעם ווייב פון אַלץ,
מעשיות פון די קיה און פערד...
ערנסט־פרום זי הערט זיך צו,
און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ פאַרקלערט...

דעם לעצטען וואָגען היי געבראַכט

דעם לעצטען וואָגען היי געבראַכט פון פעלד,
און אָנגעפילט די פרייע לופט
מיט פרישען, שמעקענדיגען דופט,
און רוהען געהט די פאַרמער־וועלט...

דער פערד שטעהט רוהיג זיך און טרינקט,
דער פאָטער וואשט פון זיך דעם שטויב...
די מוטער שיקט צו גאָט א לויב,
די טאָכטער מעלקט די קיה און זינגט...

דער זוהן פאַר׳גנב׳עט זיך צום היי
און ווינקט צום שכנ׳ס מיידעל שטיל,
א פאַרמער־האַרץ האָט מעהר געפיהל
פאַר שעהנע נעכט און ליעבעס־וועה...

נאָך דעם שפּיעל

.1

סעמיועל גאָלדינבורג'ען

אַלע שטוהלען...

אַלע שטוהלען זענען ליידיג,
אין טעאַטער פּוסט און שטום;
אויף די ווענט און אויף די שטוהלען
שפּיעלען שאָטענס זיך ארום...

טונקעל שלאָגט א רויטער שיין דאָרט,
פון די רויטע לעמפּלעך אָפּ;
די אַקטיאָרען נעהמען איצטער
שוין פון זיך דעם גרים אראָפּ...

2

עס איז אין טעאטער...

עס איז אין טעאטער פארבליבען א מענש
און ערווארט:
וואס ווארטסטו, דו נארישער מענש, האט דיך ווער
דען גענארט?

ס'איז יעדער אהיים שוין געגאנגען, דער שפיעל
איז צו ענד...
און דו נאר, דו שטעהסט נאך, דוווארטסט נאך,
פון שפיעל אלץ פארבלענד...

אומזיסט... עס וועט לאנג זיך נאך ציהען די צייט
פון אנטראקט...
דאס לעבען אליין וועט שוין שליסען דעם סוף
פון דעם אקט...

\

זיצען די אַקטיאָרען...

זיצען די אַקטיאָרען אין קאַפע
און רויכערען און טרינקען וויין און טיי...
— — — — — — — — — — —
טראַכט ווער פון זיי: — אַ האַלבע שעה בעפאָר,
געווען איז ער אַ גרויסער קעניג גאָר;
זיין קעניגין ווי שטאַרק ער האָט געליעבט!
און איצט איז שווער זיין האַרץ אַזוי באַטריבט...
איצט זיצט זיין קעניגין דאָ זייט ביי זייט
און הוליעט מיט זיין אונטערטאַן פאַרשייט...
און ער, דער קעניג... זיצט און טראַכט — ניט לאַנג בעפאָר
איז ער געווען אַ גרויסער קעניג גאָר...
— — — — — — — — — — —
זיצען די אַקטיאָרען אין קאַפע
און רויכערען און טרינקען וויין און טיי...

...און דאַן וועסטו קומען צו מיר און וועסט קניען
און בויגען זיך טיעף מיט׳ן פּנים צו דר׳ערד ;
וועסט בעטען און פרעגען מ׳ט טרער־פייכטע אויגען :
וואָס איך האָב דיין ליכטיגע היים דיר צעשטערט....

וואָס איך האָב דיין לעבען צעברעקעלט אין שטיקלעך,
געוואָרפען צו ווינטען, צעשפּרייט איבער ים׳ען —
און ס׳קענען ניט פאָטער און מוטער און קינדער
אין היילִיגען יום־טוב זיך פרעהען צוזאַמען...

און ס׳שטעהט אזוי איינזאם ס׳טונקעלע שטיבעל,
עס ציטערען שאָטענס שוואַרץ אום אויף די ווענט ;
און ס׳שוועבען אין לופט אום אַ מחנה מכשפים
און שטרעקען אין תהו די נאַכט־שוואַרצע הענט...

דאַן וועל איך מיט צאָרן פון דיר זיך אָפּקערען
און ענטפערען וועל איך : „דיין שטראָף פאַר די זינד“
און ביז ס׳וועט די שטראָף ניט, די שווערע, פאַראיבער,
בלייבסטו דער ווילד־שפּיעל פון ים און פון ווינט...

כ׳וועל אריינגעהן אין שוהל...

כ׳וועל אריינגעהן אין שוהל...
און שטעלען וועל איך מיך,
אזוי ווי א פרעמדער,
ביים שוועל פון דער טיר.
א שיין פון א טונקעלע, היילינע ליכט
וועט פאלען פאר׳חלום׳ט אויף מיר...
און צינדען אין הארצען דעם אלטען געפיהל,
וואס לעשט זיך און לעשט זיך,
און ס׳צינד זיך קיין נייער ניט אן...
דערהערען וועל איך אט דאס אלטע,
דאס טרויעריג ליעד,
דאס ליעד פון כל נדרי, וואס האט אין מיין יוגענד
מיר שרעקען און האפנונג געבראכט...

און זאָל אָט דער אייביגער ניגון, וואָס רייסט זיך,
פון הערצער אזוי פיעל —
דערגרייכען צו מיר...
שוין לאנג איז דער ניגון דער אלטער פארקלונגען,
און עס האָבען פיעל אנדערע קלאנגען ערוואכט,
דאָס הארץ אָבער קען זיי ניט זינגען...

אוי, טונקעל איז אין צימער,
א טרוים וועט מיך פארוויגען —
— — — — — — — — —

ווער דאווענט דארט, א חזן?
איך הער א שבת־ניגון.
— — — — — — — —

„דאווען, דאווען, חזן,
כ׳וועל דיר שטיל נאכזאגען...
עס האט א גוטער מלאך
דיין שטים צו מיר פארטראגען,

איבער ים׳ען ווייטע...
איך הער דעם ניגון ציהען — — —
די שבת־ליכט, זיי לייכטען,
פאר מיינע אויגען גליהען...

כ׳זעה דיך שטעהן ביים עמוד,
ארום, די עדה אידען, —
צווישען זיי מיין טאטען,
אן אלטען און א מיעדען...

זיין גראָהע באָרד, די לאנגע,
אויף זיין ברוסט געבויגען,
און א טרער עס ציטערט
אין זיינע בלאסע אויגען...

— — — — — — — — —

דאַווען, דאַווען, חזן,
כ'וועל דיר שטיל נאָכזאָגען...

אין דער ווייסער נאַכט

ווען איך קוק אַרויס אין גאַס און זעה דעם שניי,
ערוואַכט אין מיר די בענקשאַפט, ווערט מיר זיס מיין ווערט...
דאַכט זיך מיר, איך זעה מיין שטעדטעל, שטוב און גאַס,
הויבען מיינע אויגען אָן צו ווערען נאַס,
זיץ איך אַפּ אַזוי פיעל שטונדען און איך בליק,
קערט זיך אום צו מיר מיין קינדערש פרייד און גליק.
ווערט מיר ליעב דאָס בענקען, זיסער נאָך דער ווערט,
אין דער שעהנער, ליעבער, ווייסער נאַכט פון שניי...

אַלטע חלומות

נעהמט מיך אַרום, מיינע אַלטע חלומות,
פאַרווינט מיך אין ליעבע און אַלטע זכרונות,
דאָס איצטינע לעבען, עס האָט ניט קיין זינען,
ס׳קען מיין נשמה קיין רוה ניט געפינען.

טראָגט מיך אוועק צווישען הייזעלעך קליינע,
וואו ס׳שפּיעלען זיך קינדער מיט שערבעלעך ריינע,
ערגעץ ביים וואַסער אַנטקעגען דער זון דאָרט,
וואו ליעב איז דער חלום, און הייליג דער אָרט.

שפיעל מיר, קלעזמער...

שפיעל מיר, קלעזמער, שפיעל א ניגון!
צער און טרויער צו פארוויגען.
שפיעל מיר הארציג! שפיעל מיר שעהנער!
שפיעל מיר היימיש ליעבע טענער.

שפיעל מיר, קלעזמער, אלטער, גוטער!
און פארוויג מיך, ווי מיין מוטער,
פלעגט מיך זינגענדיג פארוויגען...
שפיעל דעם היימיש אלטען ניגון!...

אויף אַן אַלטען פּיעדעל...

אויף אַן אַלטען פּיעדעל,
מיט אַן אַלטען בויגען,
שפּיעל איך אויס מיין טרויער,
שטיל... ניט אָנגעצויגען...

קלאָגען אָפּט די טענער,
ווי עס קלאָגט אַ זקנה
אויף איהר שווערען לעבען,
פאַר אַ ליעבער שכנה...

אַ יתום

אַ קליינינקער יתום, אַ אינגעלע בלאַס,
פּלענטעט שטיל זיך אַרומדרעהען עלענד אין גאַס;
די שיכלעך צעריסען, דאָס העמדעלע שוואַרץ
און אונטער׳ן העמדעל אַ ריין־קינדיש האַרץ.

דעם קאָפּ אָנגעבויגען, די האָר ניט פאַרקעמט,
די אויגען פאַרטרערטע, זיי בליקען פאַרשעהמט...
ער בלאָנדזשעט און בלאָנדזשעט אָט דאָ און באַלד דאָרט
מיט קליין־מיעדע טריט און געפינט זיך קיין אָרט.

עס לויפען פאַר איהם פיעלע קינדער פאַרביי,
זיי שמייכלען און שפּיעלען זיך ליעבליך און פריי,
איין קינד האַלט אַ בויגעל, דאָס צווייטע אַן איי,
„הער, שלמה׳קע, צום וואַסער!“ שרייט איינער פון זיי.

„דאָרט וועלען מיר זיך באָדען און שווימען, נו קום!
דאָרט שווימען אין טייך פיעלע פישלעך אַרום,
אַט וועלען מיר כאַפּען א לעשטשיל, א העכט!
די מאַמע וועט קאָכען... עס וועט שוין זיין רעכט!"

די מאַמע? עס גיט זיך דער יתום א קער,
וואו איז זי, די מאַמע? איהם ווערט אַזוי שווער...
וואו איז זי, די מאַמע? דער טאַטע אַוואו?...
שון לאַנג, אַז ער זוכט זיי... און האָט ניט קיין רוה...

און ס'שלעפּען זיך ווייטער די טריט זיינע מיעד,
צום צווייטען עק גאַס עפּעס ציהט איהם און ציהט...
זיין חבר'טע דבורה'לע זיצט דאָרט ניט ווייט...
איהר מאַמע פאַרקויפט... און זי זיצט ביי דער זייט...

אוי, איז דאָרט פאַראַנען, זעה זאַכען, אוי זיס!...
פון עפּעל און פלוימען און וועלשענע ניס.
אַט וועט ער באַלד צוגעהן... די מאַמע זי קוקט...
ער בלייבט שטעהן פון ווייטען אין ווינקעל פאַררוקט...

אוי שרעקט ער זיך... מורא האָט ער פאַר איהר בליק,
אוי, איז זי אַ שלעכטע... ער כאַפּט זיך צוריק
און דבורה'לע זיצט... און ער בלייבט שטעהן פאַרקלעמט,
און לאָזט טיעף די אויגען אַרונטער פאַרשעהמט...

אידישע מאָטיוועז

.1

פון וואַנען...

פון וואַנען, אָה הערבסט־ווינט, קומסטו איצט צו יאָגען?
צי האָסטו באַגעגענט דאָרט ווייט, ערגעץ ווייט;
אַן עדה מיט אידען זיך שלעפּענדיג מיעדע,
געיאָגט פון אַ שווערע, אַ ביטערע צייט?...

וואו זענען זיי איצטער די אָרימע, וואו,
צי האָבען זיי ערגעץ געפונען שוין רוה?
צי טרייבט זיי דאָס מזל, דאָס בייזע, נאָך אום,
און וואַנדער'ן אָהן אָפּרוה... און וואָגלען ווי דו?...

2

און גרויס איז דער שמערץ...

און גרויס איז דער שמערץ, וואָס עס האַלט מיך פאַרבונדען,
אַצינדערט, מיין אומה, מיט דיר.
און טיעף איז דער ים, פול מיט טרעהרען, וואָס קען ניט
פאַרלעשען מיין וועהטאַג אין מיר...

עס האָבען אונז בלוטיגע צייכענס פאַראייניגט,
צעבלוטיגט פון מערדער׳שע הענט...
איצט פיהלען מיר אַלע ווי איינער דעם וועהטאַג,
ווי איין גרויסע וואונד וואָלט געברענט...

.3

איך קען היינט קיין אנדערע ליעדער ניט זינגען...

איך קען היינט קיין אנדערע ליעדער ניט זינגען
אין הארץ האט דער שמערץ פון מיין פאלק איינגעדרינגען,
וואס ברענט אזוי העליש מיין מיעדע נשמה...
און פלאקערט מיט העלישע ווילדע נקמה...

„נקמה!" אה ווער ווער וועט פאר אונז דאס באווייזען?
ווען ס׳זענען די הערצער פון שטאל איצט און אייזען...
און שוואך איז די האנט זיך צו שטעלען אנטקעגען
און שטארק איז דער שונא... און ווילד זיינע וועגען...

איך קען היינט קיין אנדערע ליעדער ניט זינגען,
דעם שמערץ פון מיין פאלק וויל איך וויט כאטש צעקלינגען...
מיט וועה און רחמנות די הערצער דורכדרינגען,
איך קען היינט קיין אנדערע ליעדער ניט זינגען.

4

די האַנט, וועלכע טרייבט...

די האַנט, וועלכע טרייבט איצט אַרום מיינע ברידער אין שלאַכט,
פאַרוואַנדעלט די וועלט אין אַ שרעקליכע, בלוטיגע נאַכט.
זאָל פאַרלירען אויף אייביג די קראַפט, וועלכע צווינגט זיי צו טויטען
איין ברודער אַ צווייטען... און פאַלען אַליין אין אַ בלוט־ים אַ
רויטען...

זאָל די טרער, וועלכע פליסט פון מיין מאַמעס שוין האַלב־בלינדע
אויגען,
און וויינט נאָך די קינדער, וואָס זי האָט מיט בלוט און מיט טרערען
געזויגען...
דערטרונקען דעם שונא דעם ווילדען, וואָס לאָזט דאָרט ניט רוהען,
ניט לעבען,
מיין פאָלק, וואָס עס האָט שוין דעם קריגס־גאָט אַזוי פיעל קרבנות
געגעבען...

זאָל דער בליק פון מיין טאַטען דעם אַלטען, וואָס ווערט צו דער תליה
געריסען,
אַריינגיסען שרעק אין די הערצער אָהן מענשליך געוויסען.
זאָל דער פלוך, וואָס עס רייסט זיך אַרויס פון זיין ברוסט אין די
לעצטע מינוטען
דערשלאָגען די הענקער, וואָס לאָזען אַ פרומע נשמה פאַרבלוטען...

אין דער נייער צייט...

אין דער נייער צייט
ווערען מענשען דום...
אין דער נייער צייט
ווערען מענשען פרום...

אין דער נייער צייט
שפאנען מענשען פיעל...
אין דער נייער צייט
ליידען מענשען שטיל...

אין דער נייער צייט
נעהט מען אום מיט שרעק...
אין דער נייער צייט
ווייסט מען ניט דעם וועג...

זאָל קומען וואָס עס וויל...

זאָל קומען וואָס עס וויל.
און מעג די נייע שפּיעל
מיר יאָ צי ניט געפעהלען,
וואָס געהט עס מיך דען אָן?
איך האָב ניט וואָס אין קאָן
מעהר איינצושטעלען...

עס איז דאָס לעבען דאָך
פון שטענדיג אָן אַ יאָך
געוועזן — וועט זיין...
ס'איז קליין געוועזן די שפּיעל,
און נאַריש אָהן אַ ציעל
די ווערט פון זיין.

זאָל קומען וואָס עס וויל
איצט אין דעם גרויסען שפּיעל,
מיט גרויסע ציעלען...
מעג זיין די שפּיעל ווי ווילד,
אין שרעקען איינגעהילט —
וועל איך שפּיעלען...

אַה, וועמען...

אַה, וועמען גלוסט זיך זינגען היינט,
אַה, וועמען, זאָג?
ס'איז טרויעריג אַזוי די נאַכט,
און שווער דער טאָג...

וועמען גלוסט זיך ליעבען היינט,
און זיין געליעבט?
ס'איז פול אַזוי די וועלט מיט וועה,
און שווער באַטריבט...

כ׳זינג מיין ליעד...

כ׳זינג מיין ליעד היינט שטילערהייט;
ס׳שוויינט מיין ליעד אין טיעפען לייד...
ס׳וויינט דאס הארץ אין שטיל פארדראס,
און שא! ניט פרעג מיך:
וואס?...

איצט בלאנדזשעט שטיל מיין בליק ארום,
און ווי א בייזע אומרוה שטום,
א בליק אהין, א בליק אהער,
און שא! ניט פרעג מיך:
ווער?...

איצט דריקט מיין ברוסט א שווערע לאסט...
און קלאפט, און קלאפט, מיט ווילדען האסט...
און ס׳האט מיין זעל קיין רגע רוה,
און שא! ניט פרעג מיך:
וואו?...

אַ נ ד ע ר ש

ס׳איז אַלץ אַזוי אַנדערש געוואָרען,
די וואָכען, די טעג און די יאָהרען,
די ליעבע, דער האַס און דער צאָרען...
איז אַלץ אַזוי אַנדערש געוואָרען.

ס׳איז אַלץ אַזוי אַנדערש נעוואָרען,
דאָס וואַרטען, און האָפען, און שטרעבען,
אַ לאַסט איז געוואָרען דאָס לעבען...
ס׳איז אַלץ אַזוי אַנדערש געוואָרען...

אין גאס

כ׳געה ארוים אין גאס,
כ׳זוך די רוה...
פרעג איך זיך אליין:
וואו געהט מען, וואו?...

דערקען איך ניט די גאס,
ס׳איז שווער אזוי...
דא און דארט איך הער
א שטילען אוי...

די פרעהליכקייט און מוט
פארשווינדען וואו...
עס הענגט א טויטע שרעק,
ניטא קיין רוה...

כ׳זוך...

כ׳זוך די אמאָליגע טעג
אין איצטיגער צייט אַזוי טריב;
אפילו די הערבסטיגע טעג,
געווען זענען דאַן אַזוי ליעב...

איך זוך מיין אמאָליגען טרוים,
וואָס האָט מיך געקוויקט אין מיין נויט.
איצט וואנדערט מיין טרוים ערגעץ אום
אויף פליגלען, אויף שווארצע, פון טויט...

זאָלען זיי...

זאָלען זיי שוין קומען
און מיך נעהמען...
אויפהערען מיך טעגליך
ווילד צעקלעמען...

זאָלען זיי שוין קומען
מיך צערייסען...
מיט די טינער־ציינער
מיך צעבייסען...

זאָלען זיי שוין ברענגען
שוואַרצע דעקען...
און מיט טויזענד טויטען
מיך ניט שרעקען...

בייזע גייסטער...

בייזע גייסטער האָבען מיר
פאַרשטעלט דעם וועג.
פאַרטונקעלט מיינע יאָהרען,
מיינע טעג.

בייזע גייסטער שרעקען מיך
מיט שווערער שטראָף...
לאָזען מיך די נעכט ניט רוהען
אין מיין שלאָף...

פאַרזוימט

כ׳האָב לאַנג אַזוי געהאָפט,
כ׳האָב לאַנג אַזוי געטרוימט,
אָה, גליק, צו לאַנג האָסטו
זיך ערגעץ וואו פאַרזוימט...

איצט, גליק מיינס, איז שוין שפּעט,
פאַרמאַכט איז פעסט די טיר...
דאָס אומגליק איז שוין דאָ,
און וואַרט, און וואַרט אויף מיר...

מיין תפלה

זאָל אויפגעהן מיין תפלה צו דיר
אין שטילער, אין פינסטערער נאַכט;
ווען ס'זענען די שטערען פאַרהילט
מיט שוואַרצער, מיט פינסטערער מאַכט...
און אונטער די הימלען וואו ווייט,
טאַנצט ווילד דאָרט דער שטן און לאַכט...
זאָל אויפגעהן מיין תפלה צו דיר!

זאָל אויפגעהן מיין תפלה צו דיר
פריהמאָרגען, ווען איך האָב ערוואַכט,
פון שווערע חלומות, וואָס מיר
מיין אומרוה געבראַכט האָט די נאַכט...
און ס'נעהמט מיר מיין שאָטען איצט נאָך,
מיך שרעקענדיג שטיל און פאַרטראַכט...
זאָל אויפגעהן מיין תפלה צו דיר!...

כ׳פאַרגעס אַ ווייל...
כ׳וויל פאַרטיעפען זיך
אין אַלטען חלום מיין...
אין צימערעל איז שטיל,
די שטילקייט רעדט צו מיר:
דו וועסט נאָך גליקליך זיין!...

דאָך מיט אַ מאָל
גיט אַ האַמער מיר
אַ שווער געדאַנק אין קאָפּ...
און עס פאַלט אויף מיר
מעס שווערס אַראָפּ...

גרויסער נאַר!
האַמערט נאָכאַנאַנד:
נאָהנט איז די געפאַר,
קלאַפּט שוין ביי דיין טיר,
לויערט שוין אויף דיר...

וואָס איז איצט דאָס לעבען?

וואָס איז איצט דאָס לעבען?
אַ שוים, וואָס פאַרגעהט,
אַ ווינט, וואָס פאַרוועהט,
וואָס איז איצט דאָס לעבען?

וואָס איז איצט דאָס לעבען?
אַ ווילדער געיעג,
אַ בלוטיגער וועג...
וואָס איז איצט דאָס לעבען?

וואָס איז איצט דאָס לעבען?
אַ פאַלשע די פרייד,
אַ חלום דאָס גליק...
און נאַריש דער קאַמפף,
און נאַריש דער זיעג...
וואָס איז איצט דאָס לעבען?

ניט קומער זיך...

ניט קומער זיך װעגן די יאָהרען,
װאָס זענען אַװעק,
װי ניט אַ פאַרענדיגטער חלום,
און שטעהסט באַלד ביים ברעג...
ניט קומער זיך װעגן די יאָהרען.

ניט קומער זיך װעגן דעם טרויער,
װאָס כאַפּט דיך אַרום,
אין איצטיגע איינזאַמע שעה'ען,
בלייב רוהיג און שטום!...
ניט קומער זיך װעגן דעם טרויער.

ערגעץ וואו...

ערגעץ וואו וועלען גליהען
און רויטען די וואונדען...
ס'וועלען עפענען מיילער
די טיעפע אפגרונדען.
א פאל... און א לעבען
וועט ווערען פארשוואונדען
ערגעץ וואו...

ערגעץ וואו אין דער נאכט
וועט א קרעכץ זיך דערהערען,
א ציטער וועט געבען
א פאלענדער שטערען...
און טיעף אין תהום וואו
פארזונקען באלד ווערען
ערגעץ וואו...

כ'וועל אוועקגעהן שטיל...

איך וועל אוועקגעהן שטיל,
שטיל, ווי כ'בין געקומען.
וואָס געהט מיך איצט דען אָן
ליב־געזאַנג און בלומען?...

איך וועל אוועקגעהן שטיל,
טיעף מיט וועה אין הארצען...
אויסגעהן אין דער שטיל,
איינגעהילט אין שווארצען...

די אַלטע וועלט איז טויט...

די אַלטע וועלט איז טויט,
אַ נייע ווערט געבאָרען.
נאָר שטענדיג לעבט די נויט
מיט איהר וועה און צאָרען.

די וועלט זי ווערט באַנייט,
מיט נייעם, פרייען שטרעבען,
דאָך ליַנדערט ניט די צייט
דאָס אָרעם שווערע לעבען...

פ אַ ר ו ו אָ ס ?

פֿאַר וואָס ?
איך ווייס ניט, קינד.
אַ בייזער ווינט
יאָגט אַצינד...

אוואו ?
כ׳ווייס ניט וואו,
אפשר צו
דער לעצטער רוה...

גײ, קינד, אהײם.
זײ!
עס שפּרײט זיך אױס אַ נאַכט,
פֿאַרגאַנגען זון און שטראַהלען...
הער!
די בלעטער פֿאַלען שױן און פֿאַלען...
און װי אַ בלאַט,
װעל איך באַלד פֿאַרװאַגעלט זײַן,
ערגעץ נע־װנד...

גײ, קינד, אהײם.
זײ!
ס׳איז קײנער שױן ניטאָ...
כ׳דאַנק דיר, קינד, פֿאַר די ליעבע־שעה...
הער!
ס׳זשומעט שטיל אַ פֿליג...
אָ, גוטע פֿליג,
ס׳איז גרױס אַזױ מײַן גליק!
דאָך מײַן געמיט איז שװער...
אױ, שװער...

אַלע טענער...

אַלע טענער ווערען שטיל,
אַלע קלאַנגען שטאַרבען אָפּ...
לעג אוועק דיין שעהנעם קאָפּ
אויף מיין הארץ מיט טיעף געפיהל...

אָה, קינד, ס׳איז איצטער אזא צייט,
ווען די מענשען, בייז און שלעכט,
טויטען אַלעס אין געפעכט,
און פארלירען אַלץ אין שטרייט...

יושר און רחמנות דארבט,
געפיהל און מענשליכקייט פארגעהט...
ניטאָ קיין תפלה און געבעט,
און די ליעבע, קינד מיינס, שטאַרבט...

אַלע טענער ווערען שטיל,
אַלע קלאַנגען שטאַרבען אָפּ...

— — — — — — — — —

לעג אוועק דיין שעהנעם קאָפּ
אויף מיין הארץ מיט טיעף געפיהל...

ס'האַרץ איז שטיל און שטום...

ס'האַרץ איז שטיל און שטום,
ס'אויג נאָר זעהט און לײדט.
נעהם מיך, קינד, אַרום,
קום מיט מיר וואו ווײט.

זעצען זיך אוועק
ערגעץ אויף אַ שטײן,
מײדען אוים די שרעק,
בלײבען גאַנץ אַלײן...

אָ, דאַרפסט מיר פאַרגעבן...

אָ, דאַרפסט מיר פאַרגעבן,
עס מוז אַזוי זיין.
איך בין איצט ווי שכור
אָהן משקה, אָהן וויין...

און ס׳דרעהט זיך דער קאָפּ מיר,
איך ווייס ניט פון וואָס...
און ס׳פייניגט מיך שרעקליך
א טיעפער פאַרדראָס...

און זעהסטו מיך שווייגען,
מיין שמערץ איז דאָן גרויס...
ניט פרעג מיך קיין פראַגען,
איך זאָג דיר ניט אויס...

כ׳וועל מיטנעהמען...

כ׳וועל מיטנעהמען מיט זיך מיין שטארקע ליעבע,
וואָס פיהלט מיין הארץ שוין לאנג צו דיר אזוי.
ניט אויפהערען וועל איך פון דיר צו דענקען,
ביז מיין לעצטען קרעכץ, מיין לעצטען אוי...

און דו... ועסט אפשר קיינמאָל, קיינמאָל וויסען
מיין פארבאָרגען טיעף און ליעב געפיהל...
נאָר ווי א קינד אין עלענד נאָך מיר בענקען,
און הארציג זיך אמאָל צעוויינען שטיל...

דורכ'ן שוואַרצען בריק

צי איז דאָס טאַקע שוין
ס'לעצטע ביסעל פרייד,
וואָס זי האָט מיר געשענקט
שטילער, שטילערהייט?

צי איז דאָס טאַקע שוין
ס'לעצטע ביסעל גליק,
איידער כ'געה פאַרביי
דורכ'ן שוואַרצען בריק?...

כ׳וועל קומען...

כ׳וועל קומען צו דיר באלד
דורך אַן אַנדער וועג,
דורך אַ שוואַרצען וועג,
פון אַ פרעמדען ברעג...

מ׳הייסט מיך גערן אַהין,
מוז איך פאָלגען — גערן!
אין אַ שטילער וועלט
וועלען מיר זיך זעהן...

נ י ט ו ו י י ן . . .

ניט וויין, מיין קינד. ניט וויין,
ווען איך פארגעה.
יא, טראָג אריבער שטיל
דיין טיעפען וועה.

און קומסט צום קבר צו —
אַ, זיפץ ניט שווער.
פארבאָרג דיין טרער, מיין קינד,
פארבאָרג דיין טרער.

און קומסט צום קבר צו — — —
מיט שטומען בליק,
לעג אוועק דיין קראנץ
און געה צוריק...

און געהט דיר עמיץ נאָך,
אַ, שרעק זיך ניט — — —
מיין ליעבע געהט מיט דיר
א טויטע מיט...

ס'וועט פאַראיבער...

ס'וועט פאַראיבער, ס'וועט פאַראיבער,
די שווערע צייט פון אנגסט און פּיין ;
אַלץ וועט ווערען אָפּגעווישט,
אָפּגעווישט און אָפּגעפרישט,
מיט נייעם ליכט, מיט נייעם שיין,
ס'וועט ליכטיג, ליכטיג ווידער זיין,
ס'וועט פאַראיבער, ס'וועט פאַראיבער...

אינהאַלט:

1. מים זיך

זייטע

אין די שטילע שטונדען — 9
ווען עס רעגענט — 10
אַוועק איז דער טאָג — 11
אַלע אַוועקט — 12
מיין צימער — 13
אַלע פענסטער — 14
די פרייד פון נאַכט — 15
כ'בין אומרוהיג — 16
אַוועק איז שוין — 17
נשמה מיינע — 18
ביים בריעפענקעסטעלע — 19
דער טאָג איז רעגענדיג און טונקעל — 20
ס'איז אומעטיג — 21
אַליין — 22
אַרדען איין דיין לעבען — 23
כ'שפּיעל — 24
מיינע יאָהרען — 25
אַ חלום — 26
מיין בילד — 27
און טיעפער, אַלץ טיעפער — 28
וואָס דאַרף איך קלערען — 29
איך נעהם פון לעבען — 30
ניין, ניט שולדיג — 31
ס'איז שולדיג געוועזען — 32
כ'קום צו אייך — 33
כ'בין מיעד אַזוי — 34
עפּעס ווילט זיך מיר — 35
איך וועל שווייגען — 36
ווער קען זיי געפינען — 37

ווען איך וואָלט פון גליק געטרוימט — 38
ס'איז ניט ווי מען וויל — 39
און ווער איך באַפרייט — 40
לויף, לויף מיט דיין אומרוה — 41
אַ נשמה — 42
כ'וואָרט אויף דער עלטער — 43
שניי — 44-45
שוין שפּעט — 46
דער אָסיען — 47
מיינע טרוימען — 48
אָסיענדיגע בלעטער — 49
און באַלד — 50

2. אויפ'ן וועג

אויף די ווינטיגע וועגען — 53
אויף נייע וועגען — 54-55
און איך גיה אַליין — 56
שוויג שטיל, מיין האַרץ — 57
נאָך אַ שעה — 58
אָפּגענאַרט — 59
דער וועג איז אַ ווייטער — 60-61
דער צוג האָט זיך געשטעלט — 62-63
דו וואַנדערסט ווייט — 64
וואו איך זאָל קומען — 65
וואָס מאַכסטו, פריינד — 66
די שטאָדט — 67
מיין גרוס — 68
שטילער, ליעבע מאַמע — 69
אָה, מאַמע, זעה ווי שעהן — 70
מאַמע פינגער — 71
דו מאַמע ! — 72-73
ביזט קראַנק געוועזען, מאַמע — 74

3. ליעבע

אויגען צוויי — 77
כ'צווייפעל — 78
גאָט פון ליעבע — 79
כ'האָב אויפגעוואַכט — 80
לעצטע אָווענט־שטראַהלען — 81
כ'ליעב דיין יעדען וואָרט — 82
כ'ליג אין העמאק — 83
וויג מיך — 84
דאָס האַרץ — 85
אָה, וועלכעס ליעד — 86
מיין ליעב פאַרלאַנג — 87
ס'האָבען דיינע ווייכע אָרעמס — 88
דער קוש — 89
אין דיין לאַך, דיין שטיעף — 90
דערמאָן איך איהר נאָמען — 91
ציה אָן — 92
דו ביזט — 93
מיר זיצען ביידע — 94
מאָרגען — 95
גלייבער — 96
צווישען מיר און דיר — 97
כ'וואָלט צו דיר געקומען — 98
אין איהר צימער — 99
די נאַכט — 100
איך און דו — 101
גוטע נאַכט — 102
און איצט בין איך רוהיג — 103
און קום איך ניט אָפטער — 104
און איצט — 105
בריעף — 106
כ'בין אַמאָל — 107
איהר בילד — 108־109

איך ווייס — 110
מיין שטראָף — 111
אַמאָל — 112
לויכט אַ נייער שטערן — 113
אַמאָל האָט זיך — 114
נייע ליעבעס — 115
ליעב איך — 116
וועסט קיינמאָל ניט וויסען — 117
און וועל איך — 118
כ'האָב דיך אומגעריכט באַגעגענט — 119
פאַרגיב — 120
צוויי הערצער — 121
אין צווייפעל — 122
ביי דיין טיר — 123
צייטענווייז — 124
כ'קען דיר ניט פארשטעהן — 125
געננוג — 126
שלאָף — 127
ווען איך געה אַוועק — 128
מיר זענען געגאַנגען — 129
מאָמענטען — 130
יענע צייט — 131
די צייט — 132
ס'וועט זיין אַזוי — 133
ס'ווערט מיין האַרץ — [illegible]
הערבסט — 135
אויף די אַלטע וועגען — 136
כ'האָב עפּעס פאַרלאָרען — 137
דו ביזט אַוועק — 138
כ'זעה דיר ניט — 139
כ'געה אַוועק — 140
און האָב איך דאָס דערהערט — 141
ביזט פרעהליך היינט — 142-143

4. אַלערלײ

טאַנץ איך — 144

פּיאַנאָ־קלאַנגען — 147

דער טאַנץ איז געענדיגט — 153

איז דאָס לעבען ווי אַ טאַנץ — 154

אָפּגעטאַנצט ביז האַלבע נאַכט — 155

כ׳ליג אויפ׳ן בעט — 156

זיינט געגריסט — 157

כ׳האָב איצט אין זינען — 158

היינט דער טאָג — 159

שפּיעלט די מוזיק — 160

שפּאַצירען זיך פאָרלעד — 161

איינע איז אַן אומעטיגע — 162

לעבען שטאָל — 163

אין דער נאַכט — 164

אַלע העמאַקס זענען פּוסט — 165

ס׳לעמפּעל פול מיט נאַפט — 166

דעם לעצטען וואָגען היי געבראַכט — 167

אַלע שטוהלען — 168

עס איז אין טעאַטער — 169

זיצען די אַקטיאָרען — 170

און דאַן — 171

כ׳וועל אַריינגעהן אין שוהל — 172-173

צו קבלת שבת — 174-175

אין דער ווייסער נאַכט — 176

אַלטע חלומות — 177

שפּיעל מיר, קלעזמער — 178

אויף אַן אַלטען פידעל — 179

אַ יתום — 180-181-182

פון וואַנען — 183

און גרוים איז דער שמערץ — 184

כ׳קען היינט קיין אַנדערע ליעדער ניט זינגען — 185

די האַנט וועלכע טרייבט — 186

5. אומרוה

אין דער נייער צייט — 189
זאָל קומען וואָס עס וויל — 190
אָה, וועמען — 191
כ'זינג מיין ליעד — 192
אַנדערש — 193
אין גאַס — 194
כ'זוך — 195
זאָלען זיי — 196
בייזע גייסטער — 197
פאַרזוימט — 198
מיין תפלה — 199
כ'פאַרגעס אַוויל — 200
וואָס איז איצט דאָס לעבען — 201
ניט קומער זיך — 202
ערגעץ וואו — 203
כ'וועל אַוועקגעהן שטיל — 204
די אַלטע וועלט איז טויט — 205
פאַר וואָס — 206
געה, קינד, אַהיים — 207
אַלע טענער — 208
ס'האַרץ איז שטיל און שטום — 209
אָ, דאַרפסט מיר פאַרגעבען — 210
כ'וועל מיטנעהמען — 211
דורכ'ן שוואַרצען בריק — 212
כ'וועל קומען — 213
ניט וויין — 214
ס'וועט פאָראיבער — 215